בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קכ"ג**

**יו"ל: ג' מנחם אב ה'תשפ"ג לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**ווען די צדיקים זאלן ווען מיטהאלטן...**

**"עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא"**

**ער איז גרעסער פונעם ספר**

**אָן תפילה איז מען אויפן גאַס**

**בעטן אפילו אויף וואס מען האט שוין**

**זיין פאָרזיכטיג!**

**"אֵיין 'דַּע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס' בִּין אִיךְ"**

**דאס הארץ קערט צו דעם קוואל**

**איך טאר אים נישט הערן**

**א "בראַסלאָווסקי" האט מען נישט געקומען...**

**"אבער דו זאלסט אים נישט דערציילן"**

**'וידוי דברים' - בהתקשרות צום צדיק**

**'התקשרות' - פארוואס?**

**'התבודדות' נאך 'המפיל'**

**א הייליגער שלאף**

**"ווארפט מיר צום צדיק!"**

**א גוסס מעג אויך גיין אין מקוה...**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק: 02.560.7387**

**ארה"ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #123**

מכון טעם זקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר זי"ע

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15

יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

בס"ד

# פרשת משפטים (ח"א)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 137#)

## וועט די צדיקים זאלן וועט מיטהאלטן...

תורה י' - "ואלה המשפטים". די תורה האט דער רבי געזאגט אין דעם ערשטן ווינטער וואס ער איז ארויס קיין ברסלב[א].

(השואל: טאקע פרשת משפטים?) **יא!**

דעמאלט האט מען עפעס גערעדט אין פעטערבורג - דאס איז געווען דער עיר הבירה אין רוסלאנד, גזירות אויף אידן. מען האט דאס גערופן "פונקטן" (- נקודות); נעמען אידן אין מיליטער, און נאך זאכן. און צדיקים האבן געזאגט: "עה, דער אויבערשטער וועט דאס נישט טוהן!" - זיי האבן עס אזוי אוועקגעמאכט אז עס וועט נישט זיין. און דער רבי האט געזאגט: "וואס הייסט? מען זעהט דאך אז דער בית המקדש איז אויך חרוב געווארן!". דער רבי האט געזאגט: 'וועט די צדיקים זאלן וועט האלטן מיט אים, וואלט מען עס אינגאנצן מבטל געוועט, נאר אזוי ווי זיי האבן נישט מיטגעהאלטן - -

---

[א] עיין חיי מוהר"ן נ"ט: "מַאֲמַר "מִשְׁפָּטִים", סִימָן י, נֶאֱמַר גַּם כֵּן **בְּחֹרֶף** (- תקס"ג) זֶה בְּטֶירָאוִיצֶע קֹדֶם פּוּרִים". ושם בסימן קט"ז: "אָמַר הַמַּעְתִּיק שֶׁשָּׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲנַחְנוּ כָּבַשְׁנוּ אֶת עִיר בְּרֶסְלַב בְּהַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין. (כִּי בֶּאֱמֶת בִּתְחִלַּת כְּנִיסָתוֹ לִבְרֶסְלֶב דִּבֵּר תֵּכֶף מִמְּחָאַת כַּפַּיִם בִּתְפִלָּה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מְגָרְשִׁין הָאֲוִיר שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ וּמַמְשִׁיכִין אֲוִירָא דְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כַּמְבֹאָר בַּמַּאֲמָר אַתֶּם נִצָּבִים וְכוּ'. וְכֵן בְּשָׁנָה זוֹ רָקַד הַרְבֵּה אוֹדוֹת לְבַטֵּל הַפּוּנְקְטִין [הַגְּזֵירָה לָקַחַת יְהוּדִים לַצָּבָא]. **וּבְחֹרֶף זֶה אָמַר מַאֲמַר וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים סִימָן י' הַמְדַבֵּר מֵרִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף**)".

**"איך האב עס אפגעשטופט אויף עטליכע און צוואנציג יאר!"** - האט דער רבי געזאגט[ב]. און טאקע תקפ"ז איז ארויס די גרויסע גזירה פון די "פונקטן"[ג].

❖

דער רבי האט אלץ גערעדט (כשדיברו מהגזירה) פון 'המתקת הדינים' 'המתקת הדינים'[ד].

דער רבי האט געזאגט (למוהרנ"ת כשכתב לפניו תורה זו): **"אט גייט דאך פורים, וועלן אידן טאנצן און פלאַסקען** (- פּאַטשן)**, וועלן זיי ממתיק דינים זיין!"**[ה]

יענעם שבת חנוכה האט אויך דער רבי זייער אסאך געטאנצט[ו].

---

[ב] עיין חיי מוהר"ן, אות ו': "וּבְאוֹתָהּ הַשָּׁנָה עָסַק הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיַן הַפּוּנְקְטִין, וְהִצְטַעֵר עֲלֵיהֶם הַרְבֵּה מְאֹד, וְאָמַר כִּי לֹא דָּבָר רֵק הוּא, **וְהִקְפִּיד מְאֹד עַל הָאוֹמְרִים שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִתְקַיְּמוּ הַפּוּנְקְטִין**, כִּי אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם זֹאת לְיִשְׂרָאֵל. וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁהוּא שְׁטוּת, כִּי **הֲלֹא מָצִינוּ שֶׁכְּבָר הָיוּ כַּמָּה גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת עַל יִשְׂרָאֵל רַחֲמָנָא לִצְלַן מֵעַתָּה**. וְעוֹד דִּבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְפַּחֵד מְאֹד מֵאֵלּוּ הַגְּזֵרוֹת הַנִּשְׁמָעִים חַס וְשָׁלוֹם, וְשֶׁלֹּא לְהַחֲזִיק אוֹתָם לְדָבָר קַל, רַק צְרִיכִין לְהַעְתִּיר וּלְהִתְפַּלֵּל וְלִצְעֹק וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּלַי יֶעָתֵר ה' שֶׁנִּזְכֶּה לְבַטְּלָם, כִּי בְּוַדַּאי תְּפִלָּה וּצְעָקָה מוֹעִיל תָּמִיד". עיין עוד שם אותיות רע"ז, שצ"ח.

[ג] עיין חיי מוהר"ן אות א' (הערת המעתיק): "וְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַזְּקֵנִים סִפְּרוּ שֶׁשָּׁמְעוּ אָז מֵרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: (אִיךְ הָאבּ דָאס אָפּ גִישְׁטוּפְּט אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוּן צְוַואנְצִיג יָאהר). [אֲנִי דָחִיתִי זֹאת לְעֶשְׂרִים וְכַמָּה שָׁנִים] וְכֵן הָיָה מְכֻוָּן מַמָּשׁ כִּי מִשְּׁנַת אֲמִירַת הַתּוֹרָה הַנַּ"ל עַד שְׁנַת יְצִיאַת הַגְּזֵרָה לַפֹּעַל בִּשְׁנַת תקפ"ז בְּסוֹפָהּ יֵשׁ עֵרֶךְ חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים שָׁנִים)". עיין גם כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ו'.

[ד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ה', וסי' י'.

[ה] עיין שיחות הר"ן, אות קל"א: כְּשֶׁכָּתַבְתִּי לְפָנָיו הַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים (סִימָן י' חֵלֶק רִאשׁוֹן מִלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן) הַמַּתְחֶלֶת: כְּשֶׁיֵּשׁ דִּינִים חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל, עַל־יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים וְכוּ', אָמַר לִי: **כָּךְ אָמַרְתִּי, שֶׁעַכְשָׁו נִשְׁמָע גְּזֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל וְהִנֵּה הוֹלְכִים וּמְמַשְׁמְשִׁים לָבוֹא יְמֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה** (כִּי הַתּוֹרָה הַזֹּאת נֶאֶמְרָה סָמוּךְ לְפוּרִים) **וְיִהְיוּ יִשְׂרָאֵל מְרַקְּדִים וִימַחֲאוּ כַּף וְעַל־יְדֵי־זֶה יַמְתִּיקוּ הַדִּינִים**. וְחָזַר וְכָפַל דְּבָרָיו וְאָמַר בְּפֶה מָלֵא '**כָּךְ אָמַרְתִּי**', וכו' עיין שם.

[ו] עיין חיי מוהר"ן סימן ד': "**גַּם אַחַר אֲמִירַת הַתּוֹרָה רָקַד הַרְבֵּה כִּי בְּאוֹתָהּ הַשָּׁנָה רָקַד הַרְבֵּה כַּמָּה פְּעָמִים**".

און 'ניסן' איז געווען די חתונה פון דעם רבי'נס טאכטער שרה'קע, האט אויך דער רבי אסאך מאריך געווען בריקודין[ז].

❖

## "עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא"

זאגט דער רבי: "**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם וְכוּ'**".

(אות א':) "**כְּשֶׁיֵּשׁ חַ"ו דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים**".

וואס הייסט דינים? דינים הייסט דאך גזירות; דער אויבערשטער קען נישט גיין מיט אידן מיט מידת הדין, די מידת הדין איז געוואלדיג, מידת הדין איז אפילו אויף יעדעם קלייניקייט, מוז דער אויבערשטער גיין מיט רחמים.

---

[ז] עיין חיי מוהר"ן סימן קט"ז: "**וְאַחַר שֶׁגָּמַר אֲמִירַת הַתּוֹרָה הָיָה מְרַקֵּד הַרְבֵּה מְאֹד עִם בִּתּוֹ הַכַּלָּה** וְכוּ' ... וּכְבָר גִּלָּה כַּמָּה תּוֹרוֹת גְּבוֹהוֹת מְאֹד עַל עִנְיַן רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף. וְגַם בְּהַתּוֹרָה לַשֶּׁמֶשׁ הַנַּ"ל מְבֹאָר מֵעִנְיַן רִקּוּדִין, אֲבָל **לֹא הָיָה שָׁכִיחַ שֶׁיַּעֲשֶׂה רִקּוּדִין כִּי אִם בְּעִתִּים רְחוֹקוֹת מְאֹד, אַךְ בְּאוֹתָהּ הַשָּׁנָה הַנַּ"ל הָיָה מְרַקֵּד כַּמָּה פְּעָמִים**. הַיְנוּ **בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה**, וְאַחַר כָּךְ **בְּשַׁבַּת חֲנֻכָּה** אַחַר אֲמִירַת הַתּוֹרָה הַמַּתְחֶלֶת רָאִיתִי מְנוֹרַת זָהָב בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן ח', וְאַחַר כָּךְ **בְּפוּרִים** בְּמֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, וְאַחַר כָּךְ **עַל הַחֲתֻנָּה** הַנַּ"ל. וְאָמַר בְּעַצְמוֹ בְּזֹאת הַשָּׁנָה רָקַדְתִּי הַרְבֵּה וְזֶה הָיָה מֵחֲמַת שֶׁבְּאוֹתוֹ הַשָּׁנָה נִשְׁמְעוּ הַגְּזֵרוֹת שֶׁקּוֹרִין פּוּנְקְטִין, שֶׁהָיוּ רוֹצִים אָז לִגְזֹר עַל יִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם, וּמֵחֲמַת זֶה רָקַד כַּמָּה פְּעָמִים כִּי עַל יְדֵי רִקּוּדִין מַמְתִּיקִין הַדִּינִים וּמְבַטְּלִין הַגְּזֵרוֹת כִּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים סִימָן י' בְּלִקּוּטֵי א' הַמַּתְחֶלֶת עַל יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף מַמְתִּיקִין הַדִּינִים. וְגַם זֹאת הַתּוֹרָה נֶאֶמְרָה בְּאוֹתוֹ הַחֹרֶף בְּטֶירָאוִיצֶע".

גם עיין שם בסימן רס"ג: "וּכְבָר מְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר **שֶׁבְּאוֹתָהּ הַשָּׁנָה רָקַד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַרְבֵּה**. הַיְנוּ **בִּשְׁמִינִי עֲצֶרֶת** הַנַּ"ל **וּבְשַׁבַּת חֲנֻכָּה** בְּהַסְּעֻדָּה שְׁלִישִׁית אַחַר שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַנּוֹרָאָה רָאִיתִי מְנוֹרַת זָהָב בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן ח', **וּבְפוּרִים**, וְאַחַר כָּךְ בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָיְתָה הַחֲתֻנָּה שֶׁל בִּתּוֹ שָׂרָה **וְרָקַד הַרְבֵּה עִם בִּתּוֹ הַכַּלָּה בְּהַסְּעֻדָּה שְׁלִישִׁית שֶׁל הַשַּׁבָּת חֲתֻנָּה**, אַחַר שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַנּוֹרָאָה וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ (בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן מ"ט). כִּי בְּעֵת אֲמִירַת הַתּוֹרָה הִתְחִיל בְּקוֹל נִפְלָא מֵאֵלּוּ הַתֵּבוֹת וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ רַק כְּשֶׁמָּסַר לָנוּ הַתּוֹרָה הַזֹּאת בִּכְתַב יָדוֹ הַקָּדוֹשׁ הִתְחִיל מִפָּסוּק לַשֶּׁמֶשׁ שָׂם אֹהֶל בָּהֶם כַּנִּדְפָּס (בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן מ"ט הַנַּ"ל) וְאַחַר שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַנַּ"ל רָקַד הַרְבֵּה עִם בִּתּוֹ אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת. **וְשָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר בְּעַצְמוֹ בַּשָּׁנָה הַזֹּאת רָקַדְתִּי הַרְבֵּה מֵחֲמַת שֶׁנִּשְׁמַע אָז שֶׁיּוֹצְאִין גְּזֵרוֹת** (שֶׁקּוֹרִין פּוּנְקְטְן) **עַל יִשְׂרָאֵל, כִּי עַל יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאוֹת כַּף מַמְתִּיקִין הַדִּינִים וּמְבַטְּלִין הַגְּזֵרוֹת כִּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים בְּסִימָן י' לִקּוּטֵי א' שֶׁנֶּאֱמַר לְעִנְיָן זֶה כַּנִּרְשָׁם בְּמָקוֹם אַחֵר**".

דער [מדרש] זאגט[ח], דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפן דער וועלט מיט מידת הדין, נאר וויבאלד די וועלט קען נישט האבן קיין קיום האט ער משתף געווען דער מידת הרחמים אויך. מיט 'דין' אליין קען די וועלט נישט האבן קיין קיום. נאר ביי צדיקים - מיט זיי קען מען גיין מיט מידת הדין[ט], מיט זיי איז מען מדקדק 'כחוט השערה'[י].

אז עס איז דא דינים על ישראל, עפעס א גזירה, אז עס איז שוין ארויס דעם גזר דין, דאס הייסט שוין מידת הדין. איז דורך 'ריקודים והמחאת כף אל כף' ווערט 'המתקת הדינים'.

דער רבי זאגט תמיד אין לקוטי מוהר"ן אין דעם ערשטן סעיף (העצה), און נאכדעם ביים סוף פירט ער אויס וואס איז דער פשט דערפון אין דער תורה. איז דאס איז דער אנהויב פון דער תורה. ביי די ענדע פון דער תורה וועט דער רבי זאגן פשט וואס עס האט א שייכות 'ריקודין' און 'המחאת כף' צו 'המתקת הדינים'.

❖

"**כִּי עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא הוּא, שֶׁגַּם הָעַכּוּ"ם יֵדְעוּ שֶׁיֵּשׁ אֱלֹקִים שַׁלִּיט וּמוֹשֵׁל**". ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגט[יא], ווען דער רבי רעדט פון עכו"ם מיינט ער נישט נאר עכו"ם, נאר 'רחוקים' הייסט אויך אז זיי ליגן אין די מידה פון עכו"ם[יב].

---

[ח] בראשית פר' י"ב, פס' ט"ו.

[ט] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות כ"ז; ובהל' ערבית ה"ד, אות ח'.

[י] בבא קמא נ.

[יא] עיין בביאור הליקוטים על התורה אות י"ב.

[יב] עיין ליקוטי עצות ערך 'התחזקות' - אות ב': עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁגַּם **הָרְחוֹקִים** מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ מְאֹד מְאֹד גַּם הֵמָּה יִתְקָרְבוּ לַעֲבוֹדָתוֹ, **וּבָזֶה נִתְיַקֵּר וְנִתְעַלֶּה** שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ לְמַעְלָה וּלְמַטָּה. עַל־כֵּן אֵין לָאָדָם לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מִלְּהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת ה', מֵחֲמַת שֶׁנִּתְרַחֵק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי חֲטָאָיו הַמְרֻבִּים, אַף שֶׁהִרְבָּה לַעֲשׂוֹת הָרַע חַס וְשָׁלוֹם. כִּי אַדְּרַבָּא, **מִמֶּנּוּ דַּיְקָא** יִתְעַלֶּה וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְגַּדֵּל כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר כַּנַּ"ל

איז דאס אז זיי זאלן וויסן 'שיש אלקים שליט ומושל' - דאס איז דער עיקר דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט.

"**כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר** (יתרו סט:): **'כַּד אֲתָא יִתְרוֹ וַאֲמַר: 'כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'" וְכוּ'** - **כְּדֵין אִתְיַקַּר וְאִתְעַלָּא שְׁמָא עִלָּאָה'"**. יתרו איז געווען א כומר, עס איז נישט געווען קיין איין עבודה זרה אין דער וועלט וואס ער זאל נישט דינען, ער האט אלץ געדינט[יג]; אז ער האט געזאגט "עתה ידעתי כי גדול ה'", דעמאלט איז געווארן דעם אויבערשטנ'ס נאמען אזוי גרויס - מערער ווי די אלע צדיקים וואס זענען געווען ביז אברהם אבינו[יד].

**זעהען מיר אלץ, דער עיקר דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט איז פון די רחוקים.**

די ערליכע אידן זאלן זיך נישט באגנוגענען - 'איך בין אַן ערליכער איד' - ניין, נאר יעדער איינער דארף זעהן צו עוסק זיין עס זאל נתגלה ווערן 'גדולתו יתברך', עס זאל ווערן נתגלה דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט.

דארף מען וויסן, דער עיקר דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט איז, אז אפילו די רחוקים, די עכו"ם, אויך זיי זאלן וויסן אז עס איז דא אַן 'אלקים שליט ומושל' - אט דאס איז דער עיקר דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט. און דאס איז אינגאנצן די ארבעט פון די צדיקים, אז זיי ברענגען אריין הרהורי תשובה אין דער וועלט דורך זייער קדושה וטהרה - אז די רחוקים ווערן אויך דערוועקט צו תשובה.

❖

---

[יג] עיין רש"י יתרו יח, יא.

[יד] עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד, אות י"ד: כִּי הֲלֹא לְפִי גְּדֻלַּת ה' יִתְבָּרַךְ אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ כְּלָל לְקַבֵּל נַחַת רוּחַ מִמַּעֲשֵׂה הָאָדָם אֲפִלּוּ אִם הָיָה הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל רַק שֶׁבֶּאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר לָנוּ לְהַשִּׂיג זֹאת. וּמֵאַחַר שֶׁבֶּאֱמֶת ה' יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל תַּעֲנוּג וְשַׁעֲשׁוּעִים **מִמַּעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם הַתַּחְתּוֹנִים דַּיְקָא**, כִּי דַּיְקָא בִּשְׁבִילָם נִבְרָא הַכֹּל, כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעָיו כְּשֶׁמִּתְקַשֵּׁר עָלְמָא תַּתָּאָה בְּעָלְמָא עִלָּאָה שֶׁזֶּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי בֶּן אָדָם דַּיְקָא. עַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁהַמַּדְרֵגָה יוֹתֵר נְמוּכָה כְּשֶׁעוֹלֶה אֵיזֶה נַחַת רוּחַ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ מִשָּׁם זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעָיו וְתַעֲנוּגָיו יִתְבָּרַךְ. וְעַל כֵּן בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִין לַעֲמֹד מֵחֲמַת שֶׁהַבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה הֵם מְרִימִים **מַדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת בְּיוֹתֵר**.

# ער איז גרעסער פונעם ספר

זאגט דער רבי: "וּלְעַכּוּ"ם אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לֵידַע גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - די עכו"ם קענען נישט וויסן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, נאר דורך די בחינה פון "יעקב".

דער רבי זאגט ווייטער, וואס מיינט מען 'יעקב'? עס שטייט: "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'". דאס הייסט, לעתיד, דעמאלט וועט דאך נתגלה ווערן דער אויבערשטער אויף דער גאנצער וועלט, וועלן די אומות העולם זאגן צו די אידן "בית יעקב - לכו" – 'גייט, "ונלכה" - און מיר וועלן אייך נאכגיין "באור ה'".

זיי וועלן זאגן צו די אידן - "בית יעקב". פארוואס וועלן זיי זאגן "בית יעקב" און נישט 'בית אברהם' און נישט 'בית יצחק', פארוואס עפעס 'יעקב'? "כִּי הוּא גִּלָּה אֱלֹקוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִשְּׁאָר הָאָבוֹת" - יעקב האט מגלה געווען דעם אויבערשטנ'ס אלקות מער ווי 'שאר האבות'.

"כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר" [- עס איז א גמרא[טו]], "וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה, וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת". אברהם האט אנגערופן דעם מקום התפילה (- הבית המקדש), 'הר המוריה' - "הר". און יצחק האט דאס אנגערופן "שדה" - "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה"[טז]. און יעקב האט דאס אנגערופן "בית אלקים"[יז], "בית א-ל"[יח] - אזוי זאגט די גמרא.

יעדער צדיק אז ער טוהט עפעס א זאך, קען ער אנרופן די זאך מיט איר נאמען נאר וועדליג ער קען און וועדליג ער האלט דערביי, כאטש ער ווייסט אז עס איז דא גרעסערע צדיקים וואס זיי האלטן (- במדריגות גבוהות יותר), אבער ער קען נישט זאגן א זאך ביי וואס ער האלט נישט, ער קען נאר זאגן וועדליג ער פארשטייט.

---

[טו] פסחים פח.

[טז] בראשית כד, סג.

[יז] בראשית כח, יז.

[יח] שם פסוק יט.

עס איז א געוואלדיגע זאך אז א מענטש זאל רעדן נאר ווערדליג ביי וואס ער האלט.

דער רבי זאגט טאקע[יט], עס איז פארהאן איינער וואס מאכט א ספר און דער ספר איז גרעסער פון אים - עס שטייט אין ספר אזעלכע גרויסע זאכן וואס ער אליין האלט נאך נישט דערביי. דער רבי האט דאך געזאגט[כ] אויפן "נועם אלימלך": **"ער איז גרעסער פונעם ספר - וויפיל דער ספר איז גרויס איז ער נאך גרעסער"**.

אברהם האט אנגערופן דעם אָרט "הר"; א 'הר' - קען מען זיך באגיין אָן א בארג, מען קען זיך אויסלעבן די יארן אָן א בארג - יעדער מענטש דארף דען אנקומען צו א בארג? - האט ער נישט קיין בארג. איז אברהם האט נישט געקענט מער אנרופן די אלוקות נאר ווי א 'הר', ווארום אין זיינע צייטן איז דאס נאר געווען אזוי ווי א 'הר'.

יצחק איז שוין געווען אביסל שפעטער, און אין זיין דור איז שוין געווען אביסל מערער נפוץ און נתגלה דאס אלקות, האט ער דאס שוין אנגערופן 'שדה' - א שדה איז שוין מער ווי א הר, אין א פעלד וואקסט שוין דארטן, עס איז שוין מער נויטיג פאר דער וועלט; ער האט אריינגעבראכט אז די תפילה איז מער נוציג - אזוי ווי א 'שדה'. אבער א 'שדה' איז אויך - נישט יעדער איינער דארף האבן א פעלד, נישט יעדער איינער וואוינט אין א פעלד.

יעקב האט דאס גערופן 'בית' - א שטוב; א שטוב איז א 'מקום ישוב לבני אדם' מער ווי א 'שדה'. דהיינו, יעקב האט אנגערופן דעם מקום בית המקדש, וואס דאס איז דער 'מקום התפילה', האט ער גערופן 'בית'; 'בית' איז א 'מקום ישוב לבני אדם'.

---

[יט] מובא בשיש"ק (חדש) ח"ג, אות תתק"ל.

[כ] עיין חיי מוהר"ן תקנ"ג: וְכֵן כְּשֶׁרָאָה אֶת הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ הִתְפַּלֵּא מְאֹד **וְאָמַר שֶׁקְּדֻשַּׁת מַעֲלַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נִשְׂגָּבָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה מִמַּה שֶּׁנִּרְאֶה וּמוּבָן מִתּוֹךְ סִפְרוֹ הַנַּ"ל.**

# אָן תפילה איז מען אויפן גאַס

עס ווערט שוין געבראכט אין ספרים[כא], אברהם האט נישט געקענט אנרופן דער שטוב "בית אלקים" ווייל עס איז געווען א רשע אין שטוב - ישמעאל איז געווען אין שטוב - ווי קען ער דאס רופן 'בית אלקים'?! אז עס דרייט זיך ארום א רשע אין שטוב קען ער דאס נישט אנרופן 'בית אלקים'. ביי יצחק'ן איז אויך געווען א רשע אין שטוב - אַן עשו, האט ער אויך נישט געקענט אנרופן דער שטוב 'בית אלקים'. יעקב האט שוין געהאט צוועלף קינדער - אלע צדיקים, שבטי י-ה, א שטוב געווען נאר פון צדיקים, האט ער געקענט זאגן 'בית' - 'בית אלקים', וויבאלד דאס איז א שטוב וואס איז שוין נאר דארטן דא אלוקות, עס דרייט זיך נישט ארום א רשע אין שטוב - גדולים טייטשן אזוי.

אבער דער רבי טייטש דא אזוי, דער עיקר איז נאר דער נאמען פאר 'תפילה'; איז יעקב האט אריינגעבראכט די תפילה, אז אזוי ווי מען קען נישט זיין אָן קיין שטוב - קען דען א מענטש זיין אָן א שטוב? אזוי קען ער נישט זיין אָן תפילה! מען קען זיך נישט רירן אָן תפילה - אויף יעדע זאך דארף מען שוין בעטן דעם אויבערשטן. איז יעקב האט מודיע געווען אז די זאך פון תפילה איז אזוי ווי א שטוב, אזוי ווי א 'בית', האט ער דאס טאקע אנגערופן 'בית'.

א 'בית' איז א 'מקום ישוב לבני אדם', מענטשן האבן א געפיל אין א שטוב - ווי קען מען זיין אָן א שטוב? מען קען דען זיין אינדרויסן? מען מוז דאך האבן א שטוב - אזוי מוז מען האבן תפילה!

ער האט מעלה געווען די תפילה פון 'הר' ו'שדה' לבחינת 'בית', וואס אין א שטוב האבן מענטשן מער א תפיסה ווי 'הר ושדה'. אין א שטוב האט מען מער א תפיסה, מען ווייסט אז דאס איז עס - אט אזוי דארף מען זיין נאנט צום אויבערשטן, מען זאל וויסן אז מען קען זיך נישט רירן אָן אלוקותו יתברך אזוי ווי מען קען נישט זיין אָן קיין

[כא] עיין אלשיך ויקרא כו, יג; ובליקוטי הלכות הל' בית הכנסת ה"א.

שטוב. אויב מען ווייסט נישט די זאך פון תפילה אז צו יעדע זאך דארף איך אנקומען צום אויבערשטן און בעטן דעם אויבערשטן - בין איך אזוי ווי אינדרויסן, איך האב נישט קיין שטוב, איך בין אינגאנצן אינדרויסן.

דאס איז א געוואלדיגער נחת רוח פאר דעם אויבערשטן אז דער מענטש ווייסט אז ווען ער דארף עפעס א זאך דארף ער אים בעטן, דאס איז א געוואלדיגע התגלות אלקותו יתברך, דערמיט דערקענט ער דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער איז דער שליט און דער בעל הבית פון דער גאנצער וועלט און וואס מען דארף עפעס דארף מען אנקומען צום אויבערשטן[כב].

## בעטן אפילו אויף וואס מען האט שוין

עס שטייט אין זוהר הקדוש[כג] אויף ר' ייסא סבא, אז ער איז געגאנגען עסן, איז אפילו דאס עסן שוין געווען גרייט צום טיש, האט ער פריער געבעטן דעם אויבערשטן - ער האט אביסל צוגעווארט - 'נו, איצטער האט מען מיר שוין געגעבן' - און דעמאלט איז ער צוגעגאנגען עסן - אזוי שטייט אין זוהר אין צוויי ערטער.

ר' ייסא סבא - דער סבא פון זוהר איז דאך געוואלדיג! נו, ער איז דאך געווען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן - אין 'אלוקותו יתברך'.

---

[כב] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילת המנחה ה"ו, אות א': **כִּי עִקַּר כְּבוֹד ה' יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר הוּא עַל יְדֵי תְּפִלָּה דַּיְקָא, עַל יְדֵי שֶׁמִּתְפַּלְּלִין וּמְבַקְשִׁין מֵה' יִתְבָּרַךְ כָּל צְרָכָיו כָּל מַה שֶּׁחָסֵר לוֹ בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי, כִּי זֶה עִקַּר כְּבוֹדוֹ.** וְעַל כֵּן תְּפִלַּת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה גָּבֹהַּ מְאֹד וְיָקָר מִכָּל סֵדֶר הַתְּפִלָּה כַּמּוּבָן בַּכַּוָּנוֹת, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁעַל יְדֵי כָּל פְּסוּקֵי דְּזִמְרָה וּבִרְכַּת הַמְּאוֹרוֹת מְגַדְּלִין כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ וּמוֹדִיעִין שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ יָחִיד בְּעוֹלָמוֹ וּבָרָא הַכֹּל לִכְבוֹדוֹ, אַף עַל פִּי כֵן עִקַּר שְׁלֵמוּת הַגְדָּלַת כְּבוֹדוֹ בְּיוֹתֵר הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה. **שֶׁבָּזֶה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין עַל צְרָכָיו, בָּזֶה מוֹדִים שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מַנְהִיג עוֹלָמוֹ וּמַשְׁגִּיחַ בִּפְרָטִיּוּת עַל כָּל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם וּבְיָדוֹ לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע.**

[כג] מקץ קצ"ט ע"ב, וזל"ש: "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת, דָּא הוּא בַּר נָשׁ דִּמְהֵימְנוּתָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בֵּיהּ, כְּגוֹן רִבִּי יֵיסָא סָבָא. **דְּאַף עַל גַּב דַּהֲוָה לֵיהּ מֵיכְלָא דְּהַהוּא יוֹמָא לְמֵיכַל, לָא הֲוָה מַתְקִין לֵיהּ עַד דְּשָׁאִיל מְזוֹנֵיהּ קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא. לְבָתַר דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ וְשָׁאִיל מְזוֹנֵיהּ קַמֵּי מַלְכָּא, כְּדֵין הֲוָה מְתַקִּין.** וַהֲוָה אָמַר תָּדִיר, לָא נְתַקִּין, עַד דְּיִנָּתְנוּן מִבֵּי מַלְכָּא".

די שפע וואס איך דארף נעמען, דארף איך פריער בעטן דעם אויבערשטן, דעמאלט איז עס אַן אנדער שפע, עס איז אַן אנדער עסן, עס איז אַן אנדערע זאך[כד].

אפילו א זאך וואס דער מענטש האט - 'בעט דעם אויבערשטן'. דאס הייסט, אזוי ווי א בית, אזוי ווי א שטוב, אט דאס איז 'יעקב', מען קען זיך נישט רירן; אזוי ווי איך קען נישט זיין אָן קיין שטוב, אזוי קען איך נישט זיין אָן קיין תפילה!

אין דעם האבן שוין גוים אויך א השגה. אין א שטוב, זאגט דער רבי, האבן גוים אויך א השגה. דערפאר טאקע וועלן די גוים זאגן צו אונז לעתיד: "'בית יעקב' לכו ונלכה", ווארום אין 'בית יעקב' האבן גוים אויך א געפיל. טאמער עס איז 'הר-שדה' - איז דער גוי קען זיך באגיין אָן א בארג און אָן א פעלד, אבער אז דער אויבערשטער וועט אזוי נתגלה ווערן - אזוי ווי א שטוב, וועלן זיי זאגן "'בית יעקב' - לכו, ונלכה" – מיר וועלן אייך נאכגיין.

עס שטייט[כה]: "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים". טייטשט דער רבי, ווען די תפילה איז א בחינת "בית", איז "יקרא לכל העמים", אלע פעלקער וועלן רופן דעם אויבערשטן מיט תפילה.

אט דאס איז די זאך; (אויבן אויף קוקט אוים אז) וואס דער צדיק איז גרעסער, דארף ער נאר רעדן פון הויכע זאכן, אבער אז ער ווייסט אז דער עיקר נחת רוח פון דעם אויבערשטן איז דאך אז די קלענערע זאלן אים דערקענען, דעמאלט רעדט ער נאר אזעלכע דיבורים אז עס זאל צוציען דייקא די רחוקים - אפילו גוים[כו].

---

[כד] עיין שיחות הר"ן רל"ג.

[כה] ישעי' נו, ז.

[כו] עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד אות י"ד: הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה מְאֹד מְאֹד בִּבְחִינַת מֹשֶׁה הוּא מוֹסֵר נַפְשׁוֹ בְּעַד כָּל יִשְׂרָאֵל. **אֲפִלּוּ בְּעַד הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים אֲפִלּוּ בְּעַד פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל וּמִשְׁתַּדֵּל וּמִתְיַגֵּעַ כָּל יָמָיו בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ. וּמְקַבֵּל עַל עַצְמוֹ יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כְּדֵי לְקָרֵב כֻּלָּם לַה' יִתְבָּרַךְ, כִּי הוּא הִגִּיעַ לְתַכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע. וְדַיְקָא מֵחֲמַת זֶה הוּא מַשִּׂיג בְּהַשָּׂגָתוֹ הָעֲצוּמָה שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל תַּעֲנוּג**

אט דאס איז דער עיקר גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, אז די קליינע זאלן אויך וויסן פונעם אויבערשטן.

## זיין פאַרזיכטיג!

יעדער איינער דארף וויסן ביי זיך אז ער דארף נאר זעהן אָנטוהן דעם אויבערשטן א נחת רוח, איך זאל נישט דערצערענען דעם אויבערשטן, און אדרבה, איך זאל אים אנטוהן א נחת רוח און זיין נאנט צו אים.

אז דער רבי זאגט אז דער עיקר נחת רוח פון דעם אויבערשטן איז אז אפילו די רחוקים זאלן וויסן פונעם אויבערשטן און אז דאס איז זיין עיקר גרויסקייט, דארף יעדער איינער זעהן אז ער זאל אנטוהן דעם אויבערשטן דעם נחת רוח[כז].

נאר מען דארף אויך זיין זייער פארזיכטיג, ווייל עס איז דא אזעלכע רחוקים וואס אז איך וועל רעדן מיט זיי קען עס גאר שאטן אויך. (מען זאל נאר רעדן צו אזעלכע) רחוקים וואס זיי ווילן נישט מאכן קיין חקירות, זיי ווילן נישט יענעם איבערשפאַרן, און אז מען רעדט צו זיי א דיבור הערט ער אוים דעם דיבור, ער הערט צו צו יענעם און ער רעדט נישט אנטקעגן - אזוי דארף איך נישט הערן זיינע דיבורים וואס ער רעדט, ער הערט נאר מיינע דיבורים - מיט אים קען איך רעדן. טאמער ער קלאפט אפ, בין איך אין א סכנה, איך טאר נישט הערן זיינע דיבורים, זיינע דיבורים זענען דאך דיבורים פון אפיקורסות.

**וְשַׁעֲשׁוּעִים מִכָּל מַדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת בְּיוֹתֵר**, אַדְּרַבָּא, כָּל מַה שֶּׁהַדַּרְגָּא נְמוּכָה בְּיוֹתֵר מְקַבֵּל מִמֶּנָּה שַׁעֲשׁוּעִים יוֹתֵר וְיוֹתֵר כְּשֶׁעוֹלֶה לְפָנָיו אֵיזֶה נַחַת רוּחַ מִשָּׁם.

[כז] עיין ליקוטי הלכות הל' גרים ה"ג, אות י"ט: וּבִפְרָט כִּי כָּל אָדָם צָרִיךְ **וּמֻכְרָח** לַעֲסֹק לְקָרֵב גַּם אֲחֵרִים לַה' יִתְבָּרַךְ **וְלַעֲשׂוֹת בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְגֵרִים**, כִּי לְכָךְ נוֹצַרְתָּ ... נִמְצָא, שֶׁכָּל אָדָם מִיִּשְׂרָאֵל **חוֹבָה** מֻטָּל עָלָיו בָּזֶה **לְזַכּוֹת גַּם אֲחֵרִים בִּתְשׁוּבָה וּלְקָרֵב נְפָשׁוֹת** לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ.

דער רבי זאגט אין תורה מ"ג[כח], 'מען זאל זיך דערווייטערן פון די 'דיבורים של הרשע', ווארום זיינע דיבורים זענען 'אֲוירים ארסיים של ניאוף' - עס ברענגט אריין ניאוף אין דעם מענטש וואס הערט זיינע דיבורים. 'די דיבורים פון א רשע וואס איז א בר דעת איז מוליד ניאוף בהשומע' - עס ווערט א התגברות פגם הברית פון זיינע דיבורים.

דארף מען זיין זייער פארזיכטיג; אז מען כאפט אָן א רחוק און יענער רח"ל איז א געוואלדיגער פגום, און איך וועל מיט אים רעדן און ער וועט גיין אנטקעגן - ער וועט וועלן מיט מיר האבן ויכוחים, דארף איך אנטלויפן אזוי ווי פון פייער - איך טאר נישט הערן זיינע דיבורים. (און אפילו עס קען זיין) איך וועל ביי אים עפעס פועל'ן דורך מיינע דיבורים, אבער דערווייל קען ער מיר מזיק זיין מיט זיינע דיבורים, ווייל אז ער לאזט ארויס א דיבור, זאגט דער רבי, אויב איז דער רשע א בר דעת איז ער מוליד א גיפט פון ניאוף - ער איז מוליד א התגברות פון פגם הברית.

נאר עס איז פארהאנען אזעלכע רחוקים וואס זיי ווילן נישט רעדן, זיי ווילן נאר הערן, ער וויל נישט גיין אנטקעגן, ער מיינט טאקע ערנסט - מיט אים מעג איך רעדן, ער וועט מיר נישט גיין אנטקעגן, איך וועל נישט הערן זיינע דיבורים - פארשטייסט?![כט]

[כח] וזל"ש: דַּע כִּי הַדִּבּוּרִים שֶׁל הָרָשָׁע שֶׁהוּא בַּר דַּעַת, מוֹלִידִים נִאוּף בְּהַשּׁוֹמֵעַ. כִּי הַזִּוּוּגִים נִמְשָׁכִים מֵהַדַּעַת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ד): "וְהָאָדָם יָדַע אֶת חַוָּה אִשְׁתּוֹ", וּכְתִיב (בַּמִּדְבָּר ל"א): "כָּל אִשָּׁה יֹדַעַת אִישׁ". אַךְ יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי זִוּוּגִים, הַיְנוּ זִוּוּג דִּקְדֻשָּׁה, הוּא הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, וְאֶל הַתּוֹרָה, וְאֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֶה נִמְשָׁךְ מִדַּעַת דִּקְדֻשָּׁה. וְזִוּוּגִים שֶׁל עֲבֵרָה, נִמְשָׁכִים מִדַּעַת דִּקְלִפָּה. וְהַדִּבּוּר הוּא הִתְגַּלּוּת הַדַּעַת, כִּי אֵין יוֹדְעִים מַה שֶּׁבַּדַּעַת, אֶלָּא עַל יְדֵי הַדִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים י"ט): "וְלַיְלָה לְּלַיְלָה יְחַוֶּה דָּעַת". 'יְחַוֶּה' מִלְּשׁוֹן דִּבּוּר, שֶׁהַדִּבּוּר מְדַבֵּר מַה שֶּׁבַּדַּעַת. וּכְשֶׁרָשָׁע מְדַבֵּר וּמוֹצִיא מִפִּיו הֲבָלִים, מוֹלִיד אֲוִירִים אַרְסִיִּים שֶׁל נִאוּף. וְהַשּׁוֹמֵעַ מִמֶּנּוּ הַדִּבּוּרִים, וְנוֹשֵׁם נְשִׁימוֹת, מַכְנִיס בְּגוּפוֹ אֵלּוּ הָאֲוִירִים:

[כט] עיין ליקוטי הלכות הל' תערובות ה"ה, אות ג', וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת אֵין מְבַטְּלִין אִסּוּר לְכַתְּחִלָּה כִּי אִם כְּשֶׁנָּפַל מֵעַצְמוֹ לְתוֹךְ הַהֶתֵּר, הַיְנוּ **שֶׁגַּם הָרְשָׁעִים שֶׁמֻּתָּר לְקָרְבָן שֶׁהֵם בְּחִינַת אִסּוּרִים הַמִּתְבַּטְּלִים, אָסוּר לְבַטְּלָם לְכַתְּחִלָּה, שֶׁאָסוּר לֵילֵךְ בִּזְרוֹעַ לִקַּח אוֹתָם בְּעַל כָּרְחָם וּלְהַכְנִיעָם וּלְבַטְּלָם בְּתוֹךְ הַקְּדֻשָּׁה**, כִּי עַל זֶה נֶאֱמַר, "הִשְׁבַּעְתִּי וְכוּ' אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ". כִּי בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה אֵיזֶה

# ״אֵיין ׳דַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס׳ בִּין אִיךְ״

דער רבי זאגט טאקע אין תורה נ"ט[ל], די וואס זענען עוסק אין מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטן דארפן האבן אסאך 'התבודדות' - זיי דארפן האבן אסאך 'משפט' אז דאס רע פון יענעם זאל זיך נישט אנכאפן אין מיר[לא].

---

אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. וְכַמּוּבָן בְּשִׁבְחֵי הָאֲרִ"י זַ"ל בְּעִנְיַן הַסִּפּוּר אֵיךְ שֶׁקֵּרֵב אֶת תַּלְמִידָיו, עַיֵּן שָׁם.

[ל] וזל"ש (ע"פ קיצור ליקו"מ): מִי שֶׁמִּשְׁתַּדֵּל תָּמִיד לְקָרֵב בְּנֵי אָדָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִתְאַחֲזוּ בּוֹ הַקְּלִפּוֹת וְהָרָע שֶׁל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם. **וְהָעֵצָה עַל־זֶה הוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט**, הַיְנוּ שֶׁיִּרְאֶה לִשְׁפֹּט אֶת עַצְמוֹ תָּמִיד עַל כָּל מַה שֶּׁעָשָׂה, אִם הוּא כַּהֹגֶן אוֹ לָאו. וְיוֹכִיחַ וִייַסֵּר אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל מַה שֶּׁעָשָׂה שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן. וְעַל־יְדֵי בְּחִינַת מִשְׁפָּט הַזֶּה נִתְלַהֵב הַלֵּב, וְאֵשׁ שֶׁל הִתְלַהֲבוּת הַזֹּאת שׂוֹרֵף אֶת הַקְּלִפּוֹת מִלְּהִתְאַחֵז בּוֹ, וְאָז מַכְנִיעַ אוֹתָם גַּם מִלְּהִתְאַחֵז בְּאֵלּוּ הַנְּפָשׁוֹת שֶׁקֵּרְבָן לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... זֶה הָאִישׁ הַמִּשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב וְלַעֲשׂוֹת נְפָשׁוֹת, הוּא בּוֹנֶה בְּחִינַת הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ ... **וְדַע שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה רְשָׁעִים שֶׁאָסוּר לְקָרְבָם תַּחַת כַּנְפֵי עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי הֵם מוֹרִידִים אֶת הַמְקָרְבָם מִמַּדְרֵגָתוֹ**, וְאֵין כֹּחַ בַּמִּשְׁפָּט הַנַּ"ל לְהַכְנִיעַ הָרָע שֶׁלָּהֶם, וַאֲזַי בָּא קִלְקוּל גָּדוֹל בְּכַמָּה בְּחִינוֹת כַּמְבֹאָר בִּפְנִים. **עַל־כֵּן זֶה הַמִּשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב נְפָשׁוֹת, צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע אֶת מִי לְרַחֵק וְאֶת מִי לְקָרֵב.**

[לא] עיין ליקוטי הלכות הל' תערובות ה"ה, אות ד', וזל"ש: **וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת עִנְיָן זֶה לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ הוּא דָּבָר קָשֶׁה וְכָבֵד מְאֹד, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן בְּהֶכְרֵחַ לַעֲסֹק בָּזֶה**, כִּי הוּא חִיּוּב עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לַעֲסֹק בָּזֶה, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם וְכוּ', שֶׁכָּל אָדָם מְחֻיָּב לַעֲסֹק בָּזֶה, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת יִשּׁוּב הָעוֹלָם שֶׁיִּהְיֶה הָעוֹלָם מְיֻשָּׁב מִבְּנֵי אָדָם שֶׁהֵם בְּנֵי דֵּעָה אֲמִתִּית לָדַעַת אֶת ה' וּלְהוֹצִיאָם מֵעֲווֹנוֹת וְכוּ', עַיֵּן שָׁם. אֲבָל מִי הוּא זֶה שֶׁיֵּדַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בָּזֶה, וְאֶת מִי לְקָרֵב וְאֶת מִי שֶׁלֹּא לְקָרֵב?! עַל כֵּן אֵין כֹּחֵנוּ אֶלָּא בַּפֶּה. **וְזֶהוּ בְּחִינַת גֹּדֶל הָאַזְהָרָה שֶׁהִזְהִירָנוּ אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת**, כִּי כָּל הַתִּקּוּנִים וְהַדְּרָכִים וְהָעֵצוֹת הַנֶּאֱמָרִים בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה קָשֶׁה לָבוֹא אֲלֵיהֶם כִּי אִם עַל יְדֵי תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁנֶּאֱמַר בְּכָל תּוֹרָה עֵצוֹת גְּדוֹלוֹת וַעֲמֻקּוֹת, אַף עַל פִּי כֵן גַּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ קָשֶׁה לְקַיֵּם. עַל כֵּן צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת לְהִתְפַּלֵּל לַה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לֵילֵךְ וּלְקַיֵּם כָּל הַדְּרָכִים וְהָעֵצוֹת שֶׁבְּכָל תּוֹרָה, **וּבִפְרָט בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, דְּהַיְנוּ לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת מְחֻיָּב לַעֲסֹק בָּזֶה כְּפִי מַדְרֵגָתוֹ** וְכַנַּ"ל, אֲבָל הָעִנְיָן קָשֶׁה מְאֹד, כִּי צְרִיכִין לָזֶה אֵשׁ הַמִּשְׁפָּט לְהַכְנִיעַ הָרַע שֶׁבְּהַנְּפָשׁוֹת וְכוּ' שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הָרַע שֶׁלָּהֶם וּמִי יוֹדֵעַ אִם יֵשׁ כֹּחַ בְּאֵשׁ מִשְׁפָּטוֹ לְהַכְנִיעַ הָרַע שֶׁלָּהֶם?! וְגַם אוּלַי הֵם מֵהָרְשָׁעִים שֶׁאָסוּר לְקָרְבָן, כִּי אֵין הַמִּשְׁפָּט מוֹעִיל לָהֶם. **עַל כֵּן צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרָה תְּפִלָּה וּלְבַקֵּשׁ עַל זֶה מְאֹד מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתֵּן לוֹ כֹּחַ לְעוֹרֵר אֵשׁ הַמִּשְׁפָּט הַנַּ"ל, לְבַטֵּל הָרַע שֶׁלָּהֶם. וְגַם שֶׁיֵּדַע אֶת מִי לְקָרֵב וְאֶת מִי לְרַחֵק** וְכַנַּ"ל.

זאגט דער רבי דארט, 'משפט' איז 'אש', (כמו שכתוב[לב]:) "כִּי בָאֵשׁ ה' נִשְׁפָּט". משפט איז אזוי ווי א פייער; דער משפט וועט פארברענען יענעמ'ס רע - דארט אין תורה נ"ט - א ראש השנה'דיגע תורה (שנת תקס"ו).

אפילו אויב יענער פרעגט נישט צוריק, כאפט זיך אויך אָן יענעמ'ס רע.

דער רבי זאגט דארט, ווייל דאס הארץ פון יענעם ציהט זיך דורך מיינע דיבורים, וואס פון דעם ווערט א 'היכל הקודש', ממילא כאפט זיך אָן יענעמ'ס רע אין מיר - אפילו אז יענער פרעגט נישט; אויב יענער פרעגט צוריק, דארף איך אנטלויפן אזוי ווי פון פייער, עס איז א סכנה, דעמאלט העלפט גארנישט קיין משפט אויך - איך קען דען אריינגיין אין א פייער און זיך סומך זיין אויף מיין משפט?! מען דארף אנטלויפן טאקע אזוי ווי פון פייער.

עס איז דא דאס לשון[לג]: "וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאַפִּיקוֹרוֹס". דער רבי האט געזאגט: "איין 'ודע' בין איך!"[לד]

דער רבי האט זיי געגעבן רשות דארטן [- א צדיק גיט אמאל רשות] - רבי נתן'ען האט ער געהייסן רעדן מיט הירש בער'ן, און ר' נפתלי'ן נאר מיט לאנדא'ן - מיט הערש בער - נישט[לה].

"איין 'ודע' בין איך" - האט דער רבי געזאגט.

---

[לב] ישעי' סו, טז.

[לג] משניות אבות פ"ב, מי"ד.

[לד] עיין חיי מוהר"ן תי"ח: שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"אֵיין 'דַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס' בִּין אִיךְ"** [אֲנִי הוּא הַ"דַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס"]. וְעוֹד שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר עַל עִנְיָן הַנַּ"ל **"אֲנִי וַאֲנָשַׁי"**.

[לה] "הירש בער" וגיסו "לאנדא" היו מראשי המשכילים באוקריינע, ומקום מושבם היה באומן. עיין עוד אודותיהם והנהגתו של רבינו ז"ל עמם בשיש"ק (חדש) ח"א, אותיות תרי"א-תרכ"ח.

איז דער רבי רעדט דא דעם שמועס אז "עיקר גדולתו של הקדוש ברוך הוא איז צו מקרב זיין די רחוקים - עכו"ם".

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[לו]: **"צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג". און אז: "וואו עפעס רעכטס איז מחויב צו מיר מקורב ווערן"**[לז]. **האט דאך דער רבי דיביידע געזאגט.**

וואס הייסט, 'וואו עפעס רעכטס'? א צדיק!; און צוריק ווייטער, דער רבי רעדט דאך אז דער צדיק האלט אַן די 'דרי מעלה' און די 'דרי מטה'[לח].

אז עס ווערט מקורב א גרויסער מענטש, אוודאי, ער איז דאך פריער אויך געווען אַן ערליכער איד, ער איז פריער אויך געווען א צדיק, איז גייט ער העכער העכער, אבער אז עס ווערן מקורב רחוקים - זיי זענען דאך אינגאנצן ווייט פון דער קדושה, אז זיי ווערן מקורב און זיי גייען אריין אין דער קדושה ווערט דאך א געוואלדיגער רעש למעלה - א געוואלדיגער קידוש השם איז דאך למעלה.

❖

## דאס הארץ קערט צו דעם קוואל

נעכטן איז געווען דער יארצייט פון ר' פנחס יהושע, כ"ו שבט; רבי נתן (בייטעלמאכער'ס [- בנו] יארצייט) איז געווען כ"ד שבט - מאנטאג.

(השואל: ער איז געווען א תלמיד פון רבי נתן'ען – ר' פנחס יהושע?) **יא!**

ר' פנחס יהושע'ס טאטע האט געהייסן ר' יצחק אייזיק יוסל. איר זענט קיינמאל נישט געווען אין ברסלב; דארט איז געווען דעם רבי'נס בית מדרש, און נאך דעם

---

[לו] חיי מוהר"ן ש"י.

[לז] שם רפ"ו.

[לח] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' - "כי מרחמם ינהגם".

רבי'נס הסתלקות איז געווארן רבי נתן'ס קלויז [- דאס האט מען גערופן 'דער קלויז']. רבי נתן איז ארויסגעגאנגען יום כיפור אויף דער נאכט פון דער קלויז צו גיין צו זיך אין שטוב אריין, האבן זיי געהערט א קול פון דעם רבי'נס בית מדרש ווי איינער זאגט תהלים מיט אזא מין התעוררות, מיט אזא געשמאקייט - שוין געהאלטן ביים סוף תהלים.

(געוועגטליך) ביים סוף תהלים איז מען שוין אביסעלע אפגעקילט אזוי, (אבער דער זאגט אזוי מיט א מין התעוררות). האט רבי נתן א פרעג געגעבן: "ווער איז דער?" האט מען אים געזאגט: "דאס איז 'יצחק אייזיק יוסל' [- ער איז געווען א סופר] - **ער זאגט שוין דאס אנדערע מאל תהלים!"** - מיט אזא מין ברען!

רבי נתן האט א זאג געגעבן: **"אט דאס הארץ קערט צו דעם קוואל!"** האט ער געהייסן מען זאל אים מקרב זיין. האט מען אים מקרב געווען. פורים איז ער שוין געקומען צו רבי נתן'ען - ער איז שוין געווען מקורב צו רבי נתן'ען. ער איז געווען א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש, א פייער - א ברען געווען[לט].

ווען ער איז נסתלק געווארן און מען האט אים דורכגעפירט דורך רבי נתן'ס (שטוב), איז רבי נתן ארויסגעגאנגען, און רבי נתן האט זיך אנגערופן: **"אט דאס איז געווען אַן אמת'ער נוטר הברית!"** - אויף ר' יצחק אייזיק יוסל - א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש געווען[מ].

איך האב געהערט אז בשעת ער פלעגט שרייבן סופר'עריי, אז מען איז דורכגעגאנגען דארטן דורכן פענסטער ווען ער פלעגט מקדש צו זיין א שם, איז די

---

[לט] עיין כוכבי אור שיחות וסיפורים אות נ"ז.

[מ] עיין בכוכבי אור שם: "וּפַעַם אַחַת בְּיוֹם הַפּוּרִים בְּעֵת הַשְּׁתִיָּה הִתְפָּאֵר לִפְנֵי מוֹהֲרַנַ"ת **שֶׁאֵין מִתְיָרֵא עוֹד מִפְּנֵי הַיֵּצֶר הָרָע**. וְאַחַר הַפּוּרִים לְמָחֳרָתוֹ נִכְנַס עוֹד הַפַּעַם לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל. וְשָׁאַל אוֹתוֹ מוֹהֲרַנַ"ת אִם הוּא זוֹכֵר מַה שֶּׁהִתְפָּאֵר אֶתְמוֹל בְּעֵת הַשְּׁתִיָּה. וְהֵשִׁיב לוֹ, **גַּם הַיּוֹם אֲנִי אוֹמֵר כֵּן**. וְשָׁמַעְתִּי מֵר' פִּינְחָס יְהוֹשֻׁעַ זַ"ל, שֶׁאָמַר לוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהֲרַנַ"ת אָבִיךָ הָיָה צַדִּיק **דַּיְין טַאטֶע אִיז גִיוֶוען אַ צַדִּיק**".

וואס האבן דאס געהערט איז געפאלן אויף זיי א פחד - מיט אזא מין אימה ויראה האט ער מקדש געווען דעם שם[מא].

נעכטן איז געווען דער יארצייט פון ר' פנחס יהושע - כ"ו, רעדט מען דא פון ר' פנחס יהושע'ס טאטע.

❖

## איך טאר אים נישט הערן

**דער רבי האט געזאגט: "איין 'ודע' בין איך".**

(ר' נחמן בורשטיין: "ויש אומרים - בין איך מיט מיינע מענטשן") **דער "ויש אומרים" איז אביסל שווער צו פארשטיין, ווייל מיר ווייסן אז דער רבי האט דאך געהייסן מען זאל נישט רעדן מיט זיי - סיידן דער רבי האט געגעבן רשות; רבי נתן'ען האט ער געגעבן רשות ער זאל רעדן מיט הירש בער'ן.** (אחד הנוכחים: ר' אברהם ר' נחמן'ס רעדט אין "כוכבי אור" מען זאל נישט רעדן מיט זיי) (ר' נחמן: יא, אין "אמת ואמונה"[מב])

---

[מא] עיין בכוכבי אור שם: וּמַה מְּאֹד שִׁבַּח מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אֶת כְּתִיבַת תְּפִלִּין שֶׁלּוֹ, וְחָפֵץ הָיָה שֶׁכָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ יִתְפַּלְּלוּ בִּתְפִלִּין כְּתַב־יָדוֹ. וְכֵן פַּעַם אַחַר פְּטִירַת הַסּוֹפֵר הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה אֵצֶל אֶחָד תְּפִלָּיו וּנְתָנָם לְסוֹפֵר לְבָדְקָן, כְּשֶׁפָּתַח הַסּוֹפֵר אֶת הַתְּפִלִּין וְרָאָה אֶת הַנָּחַת הַפָּרָשִׁיּוֹת אֵיךְ שֶׁמֻּנָּחִים בַּבָּתִּים מְכֻוָּן כַּהֲלָכָה בְּכָל הַפְּרָטִים וְדִקְדּוּקִים וְהַכְּתִיבָה. אָמַר עֵדוּת הִיא עַל צִדְקַת הַסּוֹפֵר, וּתְפִלִּין כָּאֵלּוּ אֵין צְרִיכִין בְּדִיקָה.

[מב] עיין שם אות א', וז"ל שם בא"ד: **וַאֲפִלּוּ לְדַבֵּר עִם הָאֲנָשִׁים הָעוֹסְקִים בְּסִפְרֵי פְּסִילֵיהֶם אָסוּר לַאֲנָשִׁים כְּעֶרְכֵּנוּ, כִּי עַל יְדֵי שֶׁעוֹסְקִים לְדַבֵּר עִמָּהֶם, הֵם מְסַפְּרִים בְּעַל פֶּה מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסִפְרֵיהֶם, וְזֶה נֶחְשָׁב כְּמוֹ קְרִיאָה בְּסִפְרֵיהֶם מַמָּשׁ.** וְלָכֵן גַּם כְּשֶׁמִּתְוַעֲדִים עִמָּהֶם מֵחֲמַת אֵיזֶה מַשָּׂא וּמַתָּן וְכַיּוֹצֵא, וְהֵם מַתְחִילִים לְדַבֵּר בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה, **מְחֻיָּבִים לְהִתְאַזֵּר בְּעַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה נֶגְדָּם לְהַשִּׂיאָם לְדָבָר אַחֵר.** כִּי מִי יוּכַל לְשַׁעֵר וּלְהָבִין חֵלֶק אֶחָד מֵאֶלֶף אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת עֹצֶם הַמִּלְחָמָה הַחֲזָקָה וְהַכְּבֵדָה הָאֲרֻכָּה וְהַנִּשְׂגָּבָה שֶׁבְּעִנְיָן זֶה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה, וּבְקַל יוּכְלוּ לְהַטּוֹת דַּעְתּוֹ מִן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה. וְכָל מִי שֶׁיִּשְׁמַע לִדְבָרֵינוּ אֵלֶּה וִיהְיֶה נִשְׁאָר בִּשְׁלֵמוּת הָאֱמוּנָה הָאֲמִתִּיּוּת קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ יֵאָמֵר לוֹ לְעוֹלְמֵי עַד. וְעַיֵּן בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן נ"ט **שֶׁיֵּשׁ רְשָׁעִים שֶׁאָסוּר לְקָרְבָם** וְכוּ' עַיֵּן שָׁם. **הַמּוּבָן בָּזֶה** (כְּפִי שֶׁשָּׁמַעְתִּי בְּעַל פֶּה) **שֶׁזֶּה נֶאֱמַר עַל הָאֶפִּיקוֹרְסִים שֶׁאָסוּר אֲפִלּוּ לְדַבֵּר עִמָּהֶם.**

מיר האבן גערעדט א שמועס דא, מיר לערנען תורה י' איצטער, דער רבי זאגט, דער עיקר דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט איז אז די עכו"ם זאלן אויך וויסן פון אים - עכו"ם מיינט מען דאך רחוקים אויך.

האט מען דא גערעדט אז עס איז פארהאנען אזעלכע מענטשן רחוקים וואס ווען מען רעדט מיט זיי - שוייגן זיי, זיי ווילן הערן, זיי ווילן נישט רעדן, זיי ווילן נישט ארויסגעבן זייערע געדאנקען - מיט זיי מעג מען רעדן אסאך, ווייל איך וועל נישט הערן זייערע רייד.

עס איז אבער פארהאנען אזעלכע מיני רחוקים וואס זיי ווילן רעדן, זיי לאזן זיך נישט, זיי פרעגן, רעדן, דאס איז שוין א סכנה, איך - זיינע רייד טאר נישט הערן.

אז יענער וויל הערן, מעג איך מבטל מאכן מיין תורה און מיין תפילה און מעג רעדן מיט אים - און איך 'דארף' רעדן מיט יענעם, דאס איז א נחת רוח פארן אויבערשטן[מג], אבער אז יענער וויל האבן ויכוחים מיט מיר, יענער וויל רעדן - איך טאר זיינע דיבורים נישט הערן, אז איך הער זיינע דיבורים – זאגט דער רבי אין תורה מ"ג - א רשע וואס איז א בר דעת, איז ער מוליד 'אוירים ארסיים של ניאוף' – ער ברענגט אריין 'ניאוף בהשומע'.

טאקע דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין חזנים רשעים. דער רבי זאגט אין תורה כ"ז[מד], דער מח ליגט אין דעם קול; אז איינער לאזט ארויס א קול, לאזט ער

---

[מג] עיין חיי מוהר"ן תקמ"ג: כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וּרְצוֹנוֹ הָיָה **אֲפִלּוּ לְדַבֵּר עִם בְּנֵי הָעוֹלָם שִׂיחוֹת חֻלִּין בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם, אוּלַי יִצְמַח וְיִתְגַּלְגֵּל מִזֶּה דִּבּוּרִים שֶׁיְּעוֹרְרוּ אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעַל כִּי אִם תְּנוּעָה בְּעָלְמָא, שֶׁיִּכְנֹס בָּהֶם אֵיזֶה הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוֹ הִתְעוֹרְרוּת לְפִי שָׁעָה, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיָּכוֹל לִהְיוֹת שֶׁבִּרְבוֹת הַיָּמִים, כְּשֶׁיְּדַבֵּר עִמָּהֶם וְיַחֲזֹר וִידַבֵּר, אוּלַי יִזְכֶּה לְעוֹרְרָם בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְקָרְבָם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים בִּפְרָט בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם זַכָּאָה מָאן דְּאָחֵד בִּידָא דְחַיָּבָא וְכוּ' וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִשְׁתַּבַּח בֵּהּ בְּכָל עָלְמִין.

[מד] עיין שם אות ו'.

ארויס זיין מח; ממילא, אז א חזן א רשע לאזט ארויס זיין קול, לאזט ער ארויס זיין מח, איז די וואס זיי הערן און האבן הנאה פון דעם חזן - גייט אריין זיין מח אין די וואס הערן אים. א מח פון א רשע איז א מח פון פגם הברית. דארף מען טאקע נזהר זיין.

דער רבי רעדט טאקע אין תורה ג'[מה], עס איז קשה לעבודת הבורא, עס שאדט לעבודת הבורא.

❖

[(ר' נתן אנשין: וואס הייסט א "אנדענסעניא"[מו]?) אז מען מאכט אמאל א משפט; דא רופט מען עס אַן ערעור, דארטן הייסט עס אַן "אפעלאציע" - "אנדענסעניא", דאס איז דאס אנדערע מאל און דאס דריטע מאל וואס מען מאכט נאכאמאל איבער (דעם משפט) - מען גייט איבער.

וואס שטייט דא? (ר' נתן: "אנדענסעניא"!) דאכט זיך, דאס איז די דריטע מאל; אפעלאציע איז דאס אנדערע מאל.

(ר' נחמן: און וואס הייסט א "פרעשעניע"[מז]?) א ביטע (- א קלאגע)]

❖

[מה] וז"ל: **הִנֵּה מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא. וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ.**

[מו] עיין שיחות הר"ן קע"ה: אֲנִי יוֹדֵעַ כָּל הָעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתֵּי דִינִים וַאֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת **אַפִּילַאצְיֶע** (עִרְעוּר מִבֵּית דִּין לְבֵית דִּין עַד הָעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתֵּי דִינִים, דְּהַיְנוּ שֶׁאֲנִי יָכוֹל לוֹמַר שֶׁאֵינוֹ נִרְאֶה לִי הַמִּשְׁפָּט שֶׁל בֵּית דִּין זֶה וַאֲנִי רוֹצֶה לָדוּן בְּבֵית דִּין אַחֵר. וְכֵן מִבֵּית דִּין לְבֵית דִּין עַד כֻּלָּם וּמִסְתָּמָא מוֹעִיל בְּוַדַּאי, כִּי עַל כָּל פָּנִים בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ נִמְשָׁךְ וְנִדְחֶה הַמִּשְׁפָּט, וּכְשֶׁנִּמְשָׁךְ קַל יוֹתֵר הַדָּבָר. כִּי בְּתוֹךְ כָּךְ עוֹשֶׂה אוֹתוֹ הָאָדָם אֵיזֶה מִצְוָה וְכַיּוֹצֵא וַאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ מוֹעִיל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת "אַנְדֶענְסֶענְיָא" דְּהַיְנוּ לִשְׁלֹחַ הַדָּבָר לְהַקֵּיסָר בְּעַצְמוֹ. וְזֶהוּ מְלָאכָה גְּדוֹלָה וְחָכְמָה גְּדוֹלָה. זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ שׁוּם אֶחָד בַּדּוֹר. וְגַם לֹא יָדַע עֲדַיִן מִזֶּה שׁוּם אָדָם, וכו' עיין שם; גם עיין בחיי מוהר"ן רמ"ב.

[מז] עיין בעלים לתרופה במכתב מיום ו' ערשב"ק מצורע תקצ"ה, ועוד.

# א "בראַסלאָווסקי" האט מען נישט גענומען...

איך געדענק טאקע, בשעת עס איז געווען די מלחמה פון תרע"ד (- די ערשטע וועלט מלחמה), דעמאלט זענען אסאך רחוקים געווארן מקורב צו אונז, דעמאלט האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז די אלע וואס זענען געווען ביי אונז אין שול האט מען נישט גענומען (אין מיליטער)...

דעמאלט איז געווען אזא מין סארט מלחמה – מען האט גענומען אפילו רבנים - רבי'ס האט מען גענומען, דער קייסער האט אויף גארנישט געקוקט, ער האט גענומען פון די אכצן ביז די פיר-און-פופציג יאר (!) - אַן ארמיי פון צוואנציג מיליאן מענטשן האט ער געמאכט!

נאר פון אונז האט מען נישט גענומען קיינעם...

א "בראסלאווסקי" (- ברסלב'ער) האט מען נישט גענומען...

האבן זיך אנדערע אויסבאהאלטן ביי אונז. אבער זיי האבן געוואוסט (מי הם מאנ"ש...).

(ר' נחמן: וואס איז געווען די סיבה וואס מען האט נישט גענומען?) איך ווייס? אזוי איז געווען - א בראסלאווסקי האט מען נישט גענומען![מח]

---

[מח] יש לציין דבר פלא המובא בשיש"ק (החדש) ח"ג, אות תקנ"ה, מתוך כת"י של רבי שלמה וועקסלער ז"ל, וז"ל: "התורה הזאת (- בחצוצרות סי' ה') אמרה רביה"ק בראש השנה תקס"ג, ורימז בה לגזירת לקיחת אנשי חיל, ורימז בה שהוא כבר לאחר גזר דין; ועל ידי תפלותיו ותורותיו ועבודתו פעל אז להשהותה ולדחות יציאתה מכח אל הפועל עד כ"ה שנה בשנת תקפ"ז. **והבטיח אז בשנה הזאת לאנ"ש שלא יקחו מהם וזרעם וגם דור החמישי, וכנשמע מפי מוהר"ר נפתלי כ"ץ** (שיחיה) ז"ל (- חותנו של ראב"ן בזיוו"ש) **בשם אנ"ש** (שליט"א) **שכך נתקיים בחסד השם**, כי דבר אחד מדבריו הנוראים אחור לא ישוב ריקם, וכמובא מזה בספר חיי מוהר"ן אות א'. [וראש השנה חל אז ביום ב' ג', כשנה הזאת 'ת"ר חמל"ה' - תרפ"ג].

משה בער ראזענפעלד - דוד'ס טאטע, האט זיך אויסבאהאלטן - אים האבן זיי געזוכט. (זיי האבן געזאגט:) 'ער איז נישט קיין ברסלב'ער, ער פארשטעלט זיך'... - אים האבן זיי געזוכט[מט]. נאך איינער איז געווען דארטן, א זייגער מאכער - האבן זיי אים אויך געזוכט, זיי האבן געוואוסט אז ער איז דא.

איינער איז געווען עפעס א שוטר, א שד, פלעגט ער קוקן אונטער דעם פענסטער זעהן צו ער איז דא. ער האט געקענט אריינקומען צו אונז אין א שטוב און זעהן זיבן-אכט ברסלב'ער און קיינעם נישט טשעפען, נאר אים האט ער געזוכט אונטער די בעטן - 'דא דרייט זיך עפעס איינער וואס איז נישט קיין ברסלב'ער'...

איינער איז געווען טאקע ביי אונז, א זייגער מאכער, ער איז געווען א טעפליקער - ער האט געוואוינט אין טעפליק, ער איז געווען זייער א רחוק - און ער האט זיך באהאלטן ביי אונז, ער האט געשטאמט פון ברסלב'ער חסידים - א טאטע צו א זיידע זיינער זענען געווען ברסלב'ער חסידים.

געדענק איך, האט ער זיך אויסבאהאלטן ביי אונז, און ער איז געווארן א בעל תשובה, ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפן ציון - א געוואלד, א געוואלד, מען האט געקענט אויסוואשן דעם ציון מיט די טרערן וואס ער האט אויסגעגאסן - א געוואלד, ער איז געווען אַן אמת'ער ריכטיגער בעל תשובה.

ער איז געווען מיט מיר זייער בידידות, פלעגט ער וועלן אמאל מיט מיר רעדן (וועגן זיין עבר), האב איך אים געזאגט: **"ניין, איך וויל נישט הערן; דו ווילסט רעדן? ביים רבי'ן - דארטן קענסטו דערציילן אלעם - איך וויל נישט הערן דיינע זאכן!"**

---

[מט] עיין שיש"ק ח"ג, אות תקכ"ב: אִמּוֹ שֶׁל רַבִּי מֹשֶׁה בֶּער רוֹזֶנְפֶלְד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הִפְצִירָה בְּרַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן שֶׁיְּבָרְכָהּ שֶׁיִּנָּצְלוּ בָּנֶיהָ מֵהַצָּבָא. אָמַר לָהּ: "אֶת בְּנֵךְ מֹשֶׁה בֶּער לֹא יִקְחוּ וּבְנֵךְ הַשֵּׁנִי יִנָּצֵל". וְכָךְ הֲוָה, שֶׁאֶת רַבִּי מֹשֶׁה בֶּער לֹא לָקְחוּ מִשּׁוּם מָה, וּבְנָהּ הַשֵּׁנִי לָקְחוּ וְחָזַר מֵהַמִּלְחָמָה כְּשֶׁכָּל בְּגָדָיו קְרוּעִים מֵרְסִיסֵי הַכַּדּוּרִים, אוּלָם לֹא נִפְגַּע לְרָעָה.

וואס האט ער מיר געוואלט דערציילן? זיינע מעשים! - 'איך וויל נישט הערן און איך טאר נישט הערן'; דו ווילסט רעדן? גיי ארויף צום רבי'ן אויפן ציון - דארטן קענסטו אויסרעדן אינגאנצן דיין זאך. איך וויל נישט הערן; פארוואס? כאטש ער איז געווען א בעל תשובה, פונדעסטוועגן טאר מען נישט הערן די רייד.

## "אבער דו זאלסט אים נישט דערציילן"

מען האט גערעדט דא, אין דעם ענין פון מקרב זיין רחוקים צום אויבערשטן איז דא אויך אין דעם א געוואלדיגער אחריות. מען דארף רעדן מיט מענטשן - דאס איז א נחת רוח פארן אויבערשטן, דאס איז דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, אבער יענער זאל נישט גיין אנטקעגן, טאמער רעדט יענער עפעס אנטקעגן - דארף איך אנטלויפן, דעמאלט בין איך אין א סכנה.

דאס וואס דער רבי זאגט אין תורה נ"ט, "משפט", מיינט נישט דער רבי נאר אויב יענער ענטפערט אפ, נאר אפילו אז מען איז נאר מקרב א מענטש צום אויבערשטן כאפט זיך אָן דער רע פון יענעם אין אים - אפילו יענער רעדט נישט - און אויף דעם העלפט משפט, אבער אזעלכע וואס זיי גייען טאקע מיט ויכוחים - דאס איז א געוואלד! ביז איך וועל אים מקרב זיין - וועט ער מיר דערווייל מזיק זיין.

אפילו ר' יהודה אליעזר - ער איז נאך געווען ביים רבי'ן, און ער איז געפארן מיט רבי נתן'ען צוזאמען קיין ארץ ישראל[נ], האט ער געוואלט רעדן פארן רבי'ן (- ווידוי דברים), האט דער רבי אים אפגעהאקט, (ואמר לו:) "דו זאלסט רעדן **פאר רבי נתן'ען, אבער דו זאלסט אים נישט דערציילן!**". (דאס הייסט, ער זאל רעדן מיט רבי נתן'ען) **בדרך כלל, אבער נישט אזוי** (בפרטיות)[נא].

---

[נ] עיין ימי מוהרנ"ת חלק שני אות י'.

[נא] עיין כוכבי אור - ערך 'שיחות וסיפורים', אות נ"ו: ר' יְהוּדָה אֱלִיעֶזֶר שֶׁנָּסַע עִם מוֹהֲרַנַ"ת לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִתְקָרֵב תְּחִלָּה לְרַבֵּנוּ זַ"ל בְּסוֹף יָמָיו, וְהִתְחִיל לְהִתְוַדּוֹת לִפְנֵי רַבֵּנוּ זַ"ל. וּבְאוֹתוֹ הָעֵת לֹא הָיָה נוֹהֵג עוֹד

ער איז א גרויסער ערליכער איד געווען. רבי נתן איז געפארן מיט אים קיין ארץ ישראל, ער איז געווען א געוואלדיגער איש אמת, נאר פונדעסטוועגן - ביי די גדולים - זייערע וידוי דברים...

ר' איצעלע דעם מגיד'ס האט געהאט פארן רבי'ן וידוי דברים[נב] - זייערע וידוי דברים...

און פונדעסטוועגן האט דער רבי געזאגט אז ער זאל רעדן מיט רבי נתן'ען - אבער נאר בכלל - 'בפרט' זאלסטו נישט רעדן.

"אשפוך לפניו שיחי" איז נאר פאר השי"ת אליין, און פארן אמת'ן צדיק וואס ער קען הערן. נישט אלע צדיקים האבן געוואלט הערן, און נישט אלע האבן געקענט הערן; אז מען האט געגעבן א קוויטל האט מען געשריבן בכלליות, אבער בפרט האבן זיי אויך נישט געוואלט ליידן אז מען שרייבט - אפילו צדיקים האבן דאס נישט געוואלט ליידן. עס איז געווען אזעלכע צדיקים וואס מען האט יא געקענט פאר זיי עפעס אויסרעדן.

"אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק"[נג] איז אויך נאר בכלל - אפילו מען האט שוין דארטן א חבר איז אויך נאר בכלל; 'בפרט' דארף מען זיין זייער פארזיכטיג.

'לפרש זיין לפניו' איז נאר פארן אויבערשטן, און פארן אמת'ן צדיק[נד].

---

רַבֵּנוּ זַ"ל לִשְׁמֹעַ וִדּוּי דְּבָרִים מֵהַטְּעָמִים הַכְּמוּסִים אִתּוֹ. אֲבָל ר' יְהוּדָה אֱלִיעֶזֶר הַנַּ"ל לֹא יָדַע מִזֶּה וְהִתְחִיל לְהִתְוַדּוֹת, וְהִפְסִיק אוֹתוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל וְהוֹדִיעוֹ שֶׁאֵין נוֹהֵג כָּעֵת בְּזֹאת הַהַנְהָגָה. רַק שֶׁכְּבָר הִתְחִיל קְצָת לְהִתְוַדּוֹת, אָמַר לוֹ קְצָת תִּקּוּנִים. וְעַל הַשְּׁאָר צִוָּה עָלָיו לְדַבֵּר עִם מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל (**וּבְדֶרֶךְ כְּלָל וְלֹא לִפְרָט לְפָנָיו אֶת הַחֲטָאִים**).

[נב] עיין כוכבי אור - ערך 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ד.

[נג] ישעי' מא, ו.

[נד] עיין ליקוטי תפילות תפילה ל"ג: וּתְזַכֵּנִי לִהְיוֹת רָגִיל בְּיוֹתֵר לָבוֹא עַל צִיּוּן קִבְרֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים,

## 'וידוי דברים' - בהתקשרות צום צדיק

'היינט'[נה] האט מען וידוי דברים פאר השם יתברך - 'בהתקשרות צום צדיק'. ווייל דער וידוי דברים דארף דאך זיין פאר דעם תלמיד חכם[נו].

רבי נתן רעדט טאקע אין דער תפילה אויף תורה ד'[נז], אז עס זאל זיין גלייך (ווי ער האט זיך מתודה געווען פארן צדיק) - כאטש איך רעד פאר השי"ת. פארוואס דארף איך האב התקשרות צום צדיק? דער תירוץ איז, ווייל דער וידוי דברים דארף זיין פארן חכם.

דארטן בשעת יהודה האט געזאגט: "צָדְקָה מִמֶּנִּי"[נח] - איז יעקב אבינו געווען דארטן, און יצחק איז אויך געווען דערביי, און עֵבר איז געווען; שם האט שוין נישט געלעבט. איז דאך דאס געווען גרויסע צדיקים, עס איז געווען א בית דין, אבער עס דארף זיין א בחינת "מַה", א בחינת "אַיִן", משה רבינו איז נישט דארט געווען, ממילא איז נאך נישט געווען דער רעכטער וידוי (עיין שם).

זאגט דער רבי, ווען משה רבינו האט איבערגע'חזר'ט דעם וידוי וואס יהודה האט זיך מתודה געווען, איז דאס געווען גלייך 'כאילו התוודה עכשיו'. קומט אויס, כאטש ער האט דאך געהאט דעמאלט וידוי, אבער וויבאלד עס איז נאכנישט געווען פאר דעם "למי שמשים עצמו כשיריים" דערפאר איז נאכנישט געווען דער שלימות פון

---

וּלְהִשְׁתַּטֵּחַ שָׁם, **וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתִי לִפְנֵיהֶם בֶּאֱמֶת, כְּאִלּוּ הָיוּ בַּחַיִּים חַיּוּתָם וְיוֹתֵר וְיוֹתֵר** וְאֶזְכֶּה לְעוֹרֵר רַחֲמֵי לִבָּם עָלַי וְיֶהֱמוּ וְיִכְמְרוּ רַחֲמֵיהֶם עָלַי, אֲשֶׁר אֲנִי כָּלוּא וְסָגוּר כָּל כָּךְ שָׁנִים בִּמְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ הָרְחוֹקִים מִמְּךָ **כַּאֲשֶׁר הֵם יוֹדְעִים בְּבֵרוּר כָּל עִנְיָנֵינוּ וּמַהוּתֵנוּ בָּזֶה הָעוֹלָם** הָעוֹבֵר מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף וְהֵם יוֹדְעִים עֹצֶם הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עַל הָאָדָם הָעוֹבֵר בָּעוֹלָם הַזֶּה.

[נה] לכאורה כוונתו אפילו בזמן שאינו אצל ציונו [- כמו שהיה אז בשנת תשל"ו].

[נו] עיין באריכות בליקוטי מוהר"ן סי' ד'.

[נז] וזל"ש בסוף התפילה: יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁאַתָּה בְּעַצְמְךָ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּזַכֶּה אוֹתָנוּ וְתַעֲזֹר לָנוּ לִזְכּוֹת וּלְהַגִּיעַ לְכָל מַה שֶּׁבִּקַּשְׁנוּ מִלְּפָנֶיךָ, **וּוִדּוּי דְּבָרִים שֶׁהִתְוַדֵּיתִי לְפָנֶיךָ, יִהְיֶה חָשׁוּב וּמְקֻבָּל וּמְרֻצֶּה לְפָנֶיךָ, כְּאִלּוּ הִתְוַדֵּיתִי לִפְנֵי הֶחָכָם וְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר**.

[נח] בראשית לח, כו.

דעם וידוי, וואס דערפאר איז נישט געווארן אפגעטוהן דעם תיקון, ביז משה רבינו האט איבערגע'חזר'ט דעם וידוי; "וְכֵן הֲוֵי לֵיהּ"[נט].

איז אויך דאס אייגענע, אז א מענטש רעדט זיך אוים פאר השי"ת, ער מאכט וידוי דברים פאר השי"ת, זאל ער האבן התקשרות צום אמת'ן צדיק[ס].

## 'התקשרות' - פארוואס?

דאס איז אויך 'בכלל': למשל; פארן דאווענען בין איך זיך מקשר צום צדיק. (לכאורה קשה:) 'איך רעד דאך צום אויבערשטן אליין, פארוואס דארף איך האבן

---

[נט] וזל"ש בליקוטי מוהר"ן סי' ד', אות ה': וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ז:): בְּשָׁעָה שֶׁהָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר, הָיוּ עַצְמוֹתָיו שֶׁל יְהוּדָה מְגֻלְגָּלִין. עַד שֶׁאָמַר מֹשֶׁה: "שְׁמַע ה' קוֹל יְהוּדָה". שֶׁבִּקֵּשׁ מֹשֶׁה מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁיִּזְכֹּר לִיהוּדָה הַוִּדּוּי שֶׁהִתְוַדָּה, **וְכֵן הֲוֵי לֵיהּ.** וְזֶה דַּוְקָא עַצְמוֹתָיו הָיוּ מְגֻלְגָּלִין, עַל שֵׁם: "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם", וְעַל יְדֵי הַוִּדּוּי נִתְתַּקְּנוּ, וְעָלוּ כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ. וִיהוּדָה זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, רֶמֶז, שֶׁבְּחִינַת מַלְכוּת נִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים, וְזֶה נַעֲשָׂה עַל יְדֵי מֹשֶׁה, שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי, כִּי כֵן צָרִיךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַוִּדּוּי לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם וְכָל תַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ' וּבָזֶה שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי, **נַעֲשָׂה כְּאִלּוּ הִתְוַדָּה עַכְשָׁו לִפְנֵי מֹשֶׁה**, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת, וְנֶחֱרַב הַצֵּרוּף הָרָע שֶׁנֶּחְקַק עַל עַצְמוֹתָיו.

[ס] עיין בפרפראות לחכמה שם על התורה, וזל"ש, אות כ"ו: "מרמז גם כן לענין זה שיהודה התוודה כמה דורות לפני לידת משה, ואחר כך כשזכר משה הווידוי נעשה כאילו התוודה עכשיו לפני משה, ועל ידי זה נתתקן בחינת מלכות, **מכל שכן שעכשיו** שכבר היה הצדיק שהוא בחינת משה בעולם, וכשבאין על קברו כפקודתו ז"ל בכדי שהוא יעלה הווידוי לפני השם יתברך ויתקן בחינת המלכות, **בוודאי נתקן הכל.** נמצא שכל התיקונים הנ"ל נעשין גם עכשיו רק שנעשין בדקות ורוחניות יותר, על כן צריכין עכשיו להתחזק ולהתאמץ להמשיך התיקונים הנ"ל, **על ידי שיהיה ההתקשרות בלב שלם ונכון ביותר** וכמובן". ובהמשך שם אות כ"ז, וז"ל: "אחר כך כשבא על קברו הקדוש ומפרש כל לבו לפני השם יתברך ומרבה בתפלות ותחנונים ווידוים וכו' **ומתפלל לפני השם יתברך** שיורהו הדרך הנכון והישר לפי שורש נשמתו שיזכה על ידי זה לתשובה שלימה, ולעבוד אותו יתברך באמת, ושיכפר לו על כל מה שפגם וכו', **בפרט בזכותו של הצדיק הקדוש**, ואומר הווידוים מתוך פנימיות לבבו עד שהדיבורים יוצאים מתוך עצמותיו בבחינת כל עצמותי תאמרנה וכו', היינו שהדיבורים יוצאים מתוך פנימיותו ועצמותיו של המתוודה, שעל ידי זה ממילא נמשך גם כח כל האברים וכל העצמות ממש לתוך הדיבורים, **ועושה את כל הנ"ל על סמך דעתו של הצדיק הקדוש ז"ל, ובהתקשרות גמור אליו בכל לבבו,** ושהוא יעשה ויגמור כל התיקונים הצריך לנפשו ורוחו ונשמתו, **אזי יאמין בבירור** שבוודאי נחרבו על ידי זה כל בניני המלכות דסטרא אחרא והוציא מהם כל הצירופין ונבנו בניני המלכות דקדושה, ואז ממילא ידע הדרך הישר לפניו לפי שורש נשמתו", וכו' עיין שם.

התקשרות? דער תירוץ איז אזוי, דער רבי זאגט אין די תורות וואו ער רעדט דאס גרויסקייט פון תפילה - למשל תורה ב׳, אז תפילה איז צוויי שארפן, און אז דאס איז דער ׳כלי זיינו של משיח׳ - און אלעס. און נאכדעם פירט אוים דער רבי, מען זאל האבן התקשרות צום צדיק. ווארום ווער האלט ביי דער תפילה? דאס אז די תפילה זאל זיין דער כלי זיין, מוז מען דאך האבן די זאך פון שמירת הברית - דעמאלט איז עס א כלי זיין, דעמאלט קען מען אייננעמען אלע מלחמות - ווער האלט ביי דעם? נאר דער אמת׳ער צדיק! - דארף מען האבן די תפילה און התקשרות צו דעם צדיק וואס ער האלט ביי אט די תפילה.

אזוי אויך, אין תורה "תקעו תוכחה" (ח׳ תניינא) זאגט דער רבי[סא], וויבאלד דער מענטש האט נישט אין זיך דעם דעת וואס ער דארף האבן, האט ער נישט די מידה פון רחמנות, איז די תפילה נישט מיט קיין בחינת רחמים. די תפילה דארף דאך זיין מיט רחמים - איך בעט דעם אויבערשטן נאר רחמים, עס טאר נישט ליגן קיין שום דין. איז אז דער מענטש האט עפעס א זאך וואס דער דעת איז נישט אזוי גאנץ, דער דעת איז פגום, האט ער נישט די מידה פון רחמים.

די גמרא זאגט[סב]: "כל מי שאין בו דעת אסור לרחם עליו", ווייל ער האט נישט אין זיך די מידה פון רחמנות. אויב ער האט דעת, האט ער די מידה פון רחמנות, און אז ער האט רחמנות אויף יענעם, מוז מען שוין אויך רחמנות האבן אויף אים.

---

[סא] וזל"ש (ע"פ ליקוטי עצות): **עִקַּר הַתְּפִלָּה הֵם רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים וְעִקַּר הָרַחֲמִים תָּלוּי בַּדַּעַת.** וּכְשֶׁהַסִּטְרָא אַחֲרָא יוֹנֶקֶת מֵהָרַחֲמָנוּת חַס וְשָׁלוֹם, וַאֲזַי נִפְגָּם הָרַחֲמָנוּת וְנַעֲשֶׂה כַּעַס וְאַכְזָרִיּוּת וְנִקְטָן הַדַּעַת, אֲזַי מִתְגַּבֵּר תַּאֲוַת נִאוּף חַס וְשָׁלוֹם, וַאֲזַי הַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת דִּין, **וַאֲזַי הַסִּטְרָא אַחֲרָא יוֹנֶקֶת מֵהַתְּפִלָּה.** וְאָז צְרִיכִין בַּעַל כֹּחַ גָּדוֹל שֶׁיּוּכַל לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּה בִּבְחִינַת דִּין, שֶׁעַל־יְדֵי זֶה מוֹצִיא מֵהַסִּטְרָא אַחֲרָא כָּל חִיּוּתָהּ וּמְתַקֵּן הַכֹּל וְכוּ׳, **וְעַל־יְדֵי זֶה נַעֲשִׂין גֵּרִים וְנִתְרַבֶּה וְנִתְגַּדֵּל כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ**, וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לְהִתְפַּשְּׁטוּת הַנְּבוּאָה, וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְבָּרֵר הַמְדַמֶּה וְזוֹכִין לֶאֱמוּנָה בִּשְׁלֵמוּת, וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לְהַשִּׁיר שֶׁיִּתְעַר לֶעָתִיד וְכוּ׳.

[סב] ברכות לג.

קומט אויס פון דער תורה, וויבאלד ער האט נישט קיין דעת, איז זיין תפילה נישט מיט קיין רחמים, און אז די תפילה איז מיט דין, איז די סטרא אחרא יונק. אויף דעם איז דא א בעל כח וואס ער קען דאווענען.

קומט אלץ אויס, אז די תפילה ביי דעם מענטש איז נישט מיט דעם שלימות, מוז ער האבן התקשרות צום אמת'ן צדיק, דעמאלט ווערט עס נכלל צוזאמען.

דאס גרויסקייט פון תפילה בציבור איז אויך דאס אייגענע - עס ווערט נכלל צוזאמען.

דער רבי זאגט דארטן[סג], די דריי מוחין פונעם מענטש זענען קעגן די דריי תפילות - דריי מיני רחמנות'ער איז דא.

אז דער מח איז אים גלייך, גאנץ, האט ער אין זיך די מידה פון רחמים, וואס דורכדעם איז זיין תפילה נאר מיט רחמים, און אז נישט - איז עס 'דין'; אז ער איז נישט פול מיט רחמים ליגט אין אים עפעס א בחינה פון דין; מען קען עס נישט אנרופן קיין כעס, אבער עס איז נישט מיט קיין רחמים. דער מענטש דארף זיין א מענטש מיט רחמים, נאר מיט רחמנות, דעמאלט איז דער מח א מח, און דער רחמים איז רחמים, וואס אז ער בעט דעם אויבערשטן איז דאס נאר 'רחמים' - מיט 'רחמים ותחנונים לפני המקום'[סד].

---

[סג] וזל"ש (ע"פ ליקוטי עצות): הַמֹּחַ וְהַדַּעַת שֶׁל אָדָם הוּא מֵגֵן בִּפְנֵי תַּאֲוַת נִאוּף. **כִּי יֵשׁ שְׁלשָׁה מֹחִין בָּאָדָם,** וְכָל אֶחָד וְאֶחָד הוּא מְחִצָּה פְּרוּסָה בִּפְנֵי זֹאת הַתַּאֲוָה, כִּי עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת זֹאת הַתַּאֲוָה הוּא עַל־יְדֵי רוּחַ שְׁטוּת. עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵידַע וְלִזְכֹּר זֹאת, שֶׁבְּכָל פַּעַם שֶׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו הַהִרְהוּרִים אֵלּוּ חַס וְשָׁלוֹם, יִבְרַח מִיָּד מֵהָרוּחַ שְׁטוּת אֶל הַדַּעַת וְיִפְרֹס מְחִצּוֹת הַמֹּחִין בִּפְנֵי זֹאת הַתַּאֲוָה כִּי הַדַּעַת הָאֲמִתִּי מֵגֵן בִּפְנֵי זֹאת הַתַּאֲוָה כְּמוֹ מְחִצָּה מַמָּשׁ. וְהָבֵן זֹאת, **כִּי אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר זֹאת, רַק כָּל אֶחָד יָבִין מֵעַצְמוֹ אֵיךְ לִבְרֹחַ וּלְהַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מֵהָרוּחַ שְׁטוּת הַנִּזְכֶּרֶת לְעֵיל וּלְהַמְשִׁיךְ עַצְמוֹ אֶל הַדַּעַת שֶׁהִיא בְּחִינַת מְחִצָּה פְּרוּסָה בִּפְנֵיהֶם** כַּנַּ"ל.

[סד] עיין משניות אבות פ"ב מי"ג: **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא.**

נו, נישט יעדער האלט דאך דערביי, אז ער האט נאר אין זיך א בחינה פון 'דין' מישט זיך אריין ביי דער תפילה 'דין'. מיר ווייסן גארנישט וואס דאס איז.

דאס אז עס זאל זיין נאר מיט רחמים פארן אויבערשטן איז נאר אז איך האב אין זיך די מידה פון רחמנות. און ווען האב איך דאס? אז דער מח מיינער איז גאנץ, דער מח איז נישט פגום, דעמאלט איז די תפילה מיט רחמים. אז דער מח איז נישט גאנץ קען מען נישט דאווענען מיט רחמים ותחנונים, ווייל עס ליגט אין מיר א דין וואס עס איז דער היפך פון רחמים.

קומט אויס, מוז מען אנקומען צו דעם בעל כח גדול, וואס ער איז אזא בעל כח אז ער קען דאווענען א תפילה בבחינת דין, און די סטרא אחרא מוז אויס'מקיא'נען, "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ"[סה] (וכו', כמבואר שם בפנים).

## 'התבודדות' נאך 'המפיל'

הכלל, מען קען זיך נישט רירן אָן דעם צדיק - מען קען זיך אָן אים נישט רירן, וואו מען גיט זיך א ריר מוז מען אנקומען צו אים.

ביי יעדע מצוה דארף מען האבן א התקשרות צום צדיק![סו]

---

[סה] איוב כ, טו.

[סו] עיין בליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה"ה, אות כ"ג: עַל פִּי הַנַּ"ל מְבֹאָר שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ תָּמִיד **בִּפְרָט בְּעֵת עוֹסְקוֹ בְּתוֹרָה וּמִצְוֹות** שֶׁיִּהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלָיו הַהֶאָרָה מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁעוֹסֵק תָּמִיד לְעוֹרֵר וּלְהָאִיר שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי עָסְקוֹ בַּתּוֹרָה כַּנַּ"ל. ובהל' מקח וממכר ה"ג, אות ו': **לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה שֶׁיִּהְיֶה לִמּוּדוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ עוֹלֶה לְהַשְּׁכִינָה**, וַאֲזַי כְּשֶׁאֵין לִמּוּדוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ עוֹלֶה לְהַשְּׁכִינָה מִתְפַּזֶּרֶת בָּאֲוִיר וִיכוֹלָה לְהַגִּיעַ לְאִישׁ שֶׁאֵינוֹ כָּשֵׁר וְיִהְיֶה נַעֲשֶׂה מִתּוֹרָתוֹ בְּחִינַת סַם מָוֶת, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁהוּא ל"ט מְלָאכוֹת בְּחִינַת בְּזֵעַת אַפֶּךָ תֹּאכַל לֶחֶם כַּנַּ"ל. עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לְכַוֵּן **בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ** לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבַּדּוֹר, וְאָז יִזְכֶּה שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁאֵין לִמּוּדוֹ עוֹלֶה לְהַשְּׁכִינָה עַל כָּל פָּנִים יִתְפַּזֵּר לִמּוּדוֹ וְיָבוֹא לְתוֹךְ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת אֲשֶׁר אֶצְלוֹ נַעֲשֶׂה מִזֶּה ט"ל תּוֹרָה. ובהל' העושה שליח לגבות חובו ה"ב, אות ד': **לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוֹות בְּשִׂמְחָה כָּזוֹ עַד שֶׁיִּהְיֶה נִכְלָל הַכֹּל בַּה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ**,

אונזערע לייט האבן געהאט אפילו פארן בענטשן התקשרות! ווער שמועסט - פארן ליינען קריאת שמע ביינאכט!

(ר' נחמן: רבי נתן רעדט דאס אין א הלכה!) **יא יא**[סז].

אז א מענטש ליינט קריאת שמע, ער זאגט שוין "המפיל", אבער ער קען דאך נישט שלאפן, רעדט ער דיבורים צום אויבערשטן ער זאל איינשלאפן מיט גוטע דיבורים - דאס איז א געוואלדיגע זאך. א מענטש אז ער שלאפט איין מיט גוטע דיבורים צום אויבערשטן האט ער א הייליגן שלאָף!

(השואל: נאך המפיל טאר מען דאך נישט אויסרעדן?) **דאס מעג מען רעדן - צום אויבערשטן מעג מען רעדן! מען מעג דאך זאגן נאכאמאל קריאת שמע**[סח]**; דאס מעג מען רעדן - צום אויבערשטן מעג מען רעדן.**

---

כִּבְיָכוֹל, כַּנַּ"ל, כִּי מִי שֶׁעוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בִּשְׁבִיל שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא הוּא בְּחִינַת נָבִיא בְּאַסְפַּקְלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה כְּמוֹ מִי שֶׁרוֹאֶה אֵיזֶה דָּבָר מֵרָחוֹק כְּמוֹ כֵן הוּא עוֹשֶׂה הַמִּצְוָה בִּשְׁבִיל שְׂכָרָהּ הַבָּא לְעֵת רָחוֹק וּכְמוֹ כֵן אֵינוֹ נִכְלָל בְּעֶצֶם בַּה' יִתְבָּרַךְ רַק עוֹמֵד מֵרָחוֹק וּצְרִיכָה הַמִּצְוָה עִם כָּל הָעוֹלָם וּמְלֹאָהּ הַתְּלוּיִים בָּהּ לְהִשְׁתַּלֵּחַ בִּשְׁלִיחוּת מֵעוֹלָם לְעוֹלָם עַד שֶׁיִּתְבָּרֵר וְיִתְעַלֶּה וְיֻכְלַל בְּשָׁרְשׁוֹ שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת סִלּוּק הַחוֹב וְאָז יֵשׁ אַחֲרָיוּת הַדֶּרֶךְ, כִּי יֵשׁ אַחֲרָיוּת גָּדוֹל בַּדֶּרֶךְ מִכַּמָּה מְקַטְרְגִים הַמְקַטְרְגִים וּמוֹנְעִים הַמִּצְוֹת מִלַּעֲלוֹת וְלִכְלֹל בִּמְקוֹמָם וְשָׁרְשָׁם וְעַל כֵּן **אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת כָּל הַמִּצְוֹת** עַל דַּעַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, **וּלְקַשֵּׁר עַצְמֵנוּ בִּשְׁעַת עֲשִׂיַּת כָּל מִצְוָה וּמִצְוָה לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר** שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, בְּחִינַת נָבִיא בְּאַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה, דְּהַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְזֶה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁזּוֹכֶה לַעֲשׂוֹת כָּל הַמִּצְוֹת בְּשִׂמְחָה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא בִּשְׁבִיל הַמִּצְוָה. וְזֶה הַצַּדִּיק נִכְלָל בַּה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי מִצְוֹתָיו כַּנַּ"ל וְעִמּוֹ נִכְלָל כָּל הָעוֹלָם וּמְלֹאָהּ בְּשָׁרְשׁוֹ כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁאָנוּ מְקַשְּׁרִין כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁאָנוּ עוֹשִׂים לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים כְּאִלּוּ אֲזַי אָנוּ שׁוֹלְחִין מִצְוֹתֵינוּ שֶׁהֵם בְּחִינַת סִלּוּק חוֹבוֹתֵינוּ כַּנַּ"ל.

[סז] עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"ה, אות ב': וְעַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הַשֵּׁנָה הוּא עַל יְדֵי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה **שֶׁצְּרִיכִין לְקָרוֹתָהּ בְּכַוָּנָה גְּדוֹלָה** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּכַוָּנַת האר"י ז"ל, כִּי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, בִּבְחִינַת דִּין, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה'), כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִלּוּ אוֹחֵז חֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדוֹ. **וְהָעִקָּר לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר**, בְּחִינַת בַּעֲלֵי כֹּחַ הַנַּ"ל שֶׁיְּכוֹלִים לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּה בִּבְחִינַת דִּין וְעַל יְדֵי זֶה יוּכַל לְהִתְגַּבֵּר לָקוּם בַּחֲצוֹת.

[סח] עיין שולחן ערוך או"ח סי' רל"ט סעי' א'.

# א הייליגער שלאף

אז א מענטש לייגט זיך שלאפן - עס שטייט דארטן אין זוהר הקדוש א געוואלד וואס טוהט זיך איבער ביים שלאפן; אז די נשמה גייט ארויף דארטן און די חברה לאזן נישט גיין, קומט ער אין עולם התוהו מיט די זאכעניש, עס חלומ׳ט זיך אים נארישע חלומות מיט פוסטע זאכן און געדאנקען, נארישקייטן, דאס איז אלץ איין קיטעלע. א מענטש מיינט ווען ער שלאפט איז עפעס אנדערש - ניין, דאס איז איין קיטעלע, דער שלאף איז אזוי ווי וואכעדיג - איינס איז געוועדעט אין אנדערן.

איז וואס זאל ער טוהן? דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל״ה - א ראש השנה׳דיגע תורה[סט], מען דארף האבן שמירה ביים שלאפן, (מען דארף ממשיך זיין) א מלבוש - ״חשמל״ - ער דארף האבן א שמירה! (- עיין שם).

אוודאי, אז דער אויבערשטער העלפט - דער טאג איז א טאג, בייטאג היט ער אפ דעם מח, די אויגן און דעם דיבור, אוודאי גרייט ער צו אויף ביינאכט אויך, אבער ביינאכט דארף ער איינשלאפן מיט גוטע געדאנקען, מיט גוטע דיבורים צום אויבערשטן, דעמאלט איז עס ממש א הייליגער שלאף, ער ווערט נישט נפסק פונעם אויבערשטן בשעת ער שלאפט, עס גייט - דאס שלשלת גייט ווייטער.

און אז ער שטייט אויף, איז ער ווייטער נישט אפגעהאקט פונעם אויבערשטן, ווייל ביים שלאף איז ער דאך געווען אין עלמא דאתי.

ר׳ אברהם ר׳ נחמן׳ס ברענגט טאקע אין תורה נ״ד[ע], דערפאר זאגט טאקע דער רבי: ״כך ראוי להיות מנהג יראי השם, ׳תיכף בבוקר בהקיצו׳ זאל ער זיך באלד דערמאנען אין עלמא דאתי״; דאס הייסט, אז ער כאפט זיך אויף זאל ער ׳שוין׳ ווייטער זיין אין עלמא דאתי, ער זאל נישט אפהאקן דעם עלמא דאתי, ער זאל שוין אינזינען האבן אז עס איז דא נאך א וועלט.

[סט] מסתבר שנאמר בראש השנה שנת תקס״ב (שיש״ק חדש ח״ג, אות תקצ״ט).

[ע] עיין ביאור הליקוטים שם אות ב׳.

**ווען איז ער ביים שלאפן אין עלמא דאתי? אז ער שלאפט איין מיט עלמא דאתי! אז ער שלאפט איין מיט דיבורים צום אויבערשטן איז עס א שלאף פון עלמא דאתי, און דעמאלט אז ער כאפט זיך אויף איז ער ווייטער נישט נפסק פונעם אויבערשטן.**

❖

## "ווארפט מיר צום צדיק!"

(חוזר לדבר על תורה ד') **אונזערע לייט טייטשן טאקע: "וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא"[עא] - זיך געבן א ווארף אוועק צום 'גודא' - צו דעם צדיק, זיך ארויפווארפן,** (בבחינת) **"השלך על ה'".**

(ר' נחמן: ר' אברהם שטערנהארץ פלעגט אלעמאל דערמאנען פון דעם טשעהרינער רב [- זקינו], אז ער האט זיך געבעטן מען זאל אים ברענגען צום ציון: "שדיוהו לגודא" - ווארפט מיר ארויף צום צדיק!...)

(ר' נתן אנשין: ער האט נישט געקענט גיין?) **ער איז געווען דריי יאר משותק** (- פאראליזירט) **- דער טשעהרינער רב.** (ר' נחמן: פלעגט ער בעטן: "אברהם, נעם מיר - ווארף מיר ארויף אויפן צדיק!")

**דער מח האט אים געארבעט - דער מח איז געווען א מח דקדושה. קען מען פארשטיין? "בהדי כבשי דרחמנא למה לך?!" אזא מענטש ווי ער איז געווען – דריי יאר איז ער געלעגן...**

(ר' נחמן: ר' אברהם [שטערנהארץ] האט מיר דערציילט, אז דער טשעהרינער רב האט אים געהייסן אויפמישן דעם יורה דעה, און ער האט אים געזאגט: "קוק, ווען איך וועל האבן אט די סימנים, זאלסטו וויסן עס איז שוין דער סוף!"...)

---

[עא] עיין שם אות ט: "**וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא**"; הַצַּדִּיק נִקְרָא 'גּוּדָא', לְשׁוֹן גָּדֵר, שֶׁהוּא גּוֹדֵר פִּרְצוֹתֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל (יחזקאל כ"ב; ישעי' נ"ח) וְזֶה: **'וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא', שֶׁהִקְרִיב אֶת עַצְמוֹ לַצַּדִּיק.**

איך בין געווען אין טשעהרין אנהויב תרע"ה צו ע"ו, אלע האבן אים געקענט, עס איז געווען צוואנציג יאר נאך זיין פטירה[עב], אפילו יונגעלייטלעך האבן נאך געדענקט זיין הסתלקות.

מען האט מיר דערציילט, ווען דער טשעהרינער רב איז נפטר געווארן איז געווען אזא מין התעוררות לתשובה אין שטאט אז אלע קלייטן זענען געווען פארמאכט, קיין שום בעל מלאכה האט נישט געארבעט. די גאנצע שטאט איז געגאנגען אין מקוה - יעדער איינער, א התעוררות תשובה איז געווען אין גאנצן שטעטל.

❖

## א גוסס מעג אויך גיין אין מקוה...

ר' הערש לייב'ס (ליפל) מאמע איז געשטארבן - ה' אלול (שנת תשט"ו), און אין דעם אייגענעם יאר איז ר' אברהם (שטערנהארץ) אויך נפטר געווארן - כ' אלול; איז ר' אברהם געגאנגען מנחם אבל זיין ר' הערש לייב'ן, און איך בין אים אויך געגאנגען מנחם אבל זיין.

אז ר' אברהם איז ארויסגעגאנגען פון דארטן, האב איך גערעדט מיט אים. זאגט ער מיר - אויף זיך: "איך האב שוין אלע סימני גסיסה"... ער האט אזוי געזאגט אויף זיך: **"איך פיל אין זיך אז איך האב שוין אלע סימני גסיסה; נאר וואס דען? א גוסס מעג גיין אין מקוה אריין אויך, א גוסס מעג גיין דאווענען אויך!"...**

❖

(חוזר לתורה י') אפילו דער וואס איז עוסק אין תפילה - א איד אַן עובד השם, איז זיין שטייגער - תפילות גיט ער אוועק אויף רוחניות, אויף אידישקייט, אויף מידות. אבער פון רבי'ן קומט אויס אז דער מענטש דארף אוועקגעבן תפילות נישט נאר

---

[עב] נפטר י"ג אדר ב' שנת תרנ"ד.

אויף גרויסע זאכן - נאר אפילו אויף יעדעם קלייניקייט דארף ער אוועקגעבן תפילות, דעמאלט הייסט אז דער אויבערשטער איז ביי אים א טאטע.

ער זאל נישט מיינען - וואס עפעס? אויף דעם דארף איך בעטן דעם אויבערשטן? מילא אויף השגות אלקות - ברענען, פלאקערן; אבער (אינ'אמת'ן) כדי צו דערקענען דעם אויבערשטן אזוי ווי דער רבי זאגט דא אז אפילו עכו"ם זאלן דערקענען דעם אויבערשטן, איז ביי יעדע זאך דארף דער מענטש וויסן - 'עס איז דא א בעל בית - איך דארף אים דערקענען!' אז ער גייט אראפ די שטיגן - 'רבונו של עולם, העלף איך זאל נישט פאלן!'.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

ברכת מזל טוב מיוחדת לחבר המערכת

מו"ה **שמעון יו"ט הלוי יוזשעף** הי"ו - ירושלים

לרגל הולדת בתו למזל טוב

מאת: ר' יוסף מענדל האס, וחברי המערכת

מו"ה **מאיר יחיאל פערלשטיין** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה **קלמן אליעזר זילבערשטיין** הי"ו

מאנסי

לרגל הולדת בתו למזל טוב

הרה"ג **חיים אהרן פריעדמאן** שליט"א

מאנסי

לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה **יואל טענענבוים** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **דוד געשטעטנער** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה **אפרים גערליץ** הי"ו

לעיקוואוד

לרגל הולדת נכדו אצל חתנו מו"ה **שלמה זלמן פריעד** הי"ו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר נפתלי בן ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

---

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים